Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

היינט 8 זייטען

Najer Folksblat

פרייז 20 גראשען

נייער פאלקסבלאט

אונפארטייאישע פאליטיש - געזעלשאפטליכע טאג - צייטונג

Nr. 192 (884) | Łódź, Czwartek 19 Sierpnia 1926 | פירטער יאהרגאנג | לאדז דאנערשטאג ט אלול תרפ"ו. | Nr. 192 (884)

24-71 .דרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל | Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21. Tel 24-71

די יודען-פראגע

בעהאנדעלט געווארען אויף נעכטיגער זיצונג פון מיניסטערען-ראט.

וו אַ ר ש אַ, 18 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט) אויף דער היינטיגער זיצונג פון מיניסטאָרען-ראַט, איז קודם כל פאָרגעלייענט געוואָרען דער מעמאָריאַל פון אינערן-מיניסטער מלאָדזשאַנאָווסקי וועגן דער פאָליטיק פון דער רעגירונג, בנוגע די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען.

דער מיניסטאָרען-ראַט איז צוגעטראָטען בלויז צו אַן'אַלגעמיינער דיסקוסיע איבער דעם דאָזיגען פאַרשלאַג, און דערנאָך איז דער ענין איבערגעגעבען געוואָרען דעם פּאָליטישען קאָמיטעט, וועלכער וועט אין די נאָהענטסטע טעג, אונטער דעם פאָרזיץ פון פרעמיער, פיהרען די אַרבייט.

אַזוי קלינגט דער קאָמוניקאַט.

ווי מיר דערוויסען זיך אָבער, איז אין דער אַלגעמיינער דיסקוסיע, אין וועלכער ס'האָבען אַנטייל-גענומען: דער פרעמיער, דער אינערן-מיניסטער, דער אויסערן-מיניסטער, און ספּעציעל, דער קריגס-מיניסטער, מאַרשאַל פּילסודסקי — קודם-כל בעטראַכט געוואָרען די אוקראַינער-פראַגע.

וועגען דער יודען-פראַגע האָט מען נאָר גערעדט אין אַלגעמיינע שטריכען, אַזוי, אַז וועגען די פרטים, וועלכע עס בעריהרט דער מעמאָריאַל (ד. ה. בירגערשאַפט, שול-וועזען, פּראָפעסיאָנעלע שולען, קהלות, זונטאָג-רוהע) האָט מען נישט גערעדט.

מען האָט נאָר אַרויסגעזאָגט אַ וואונש, וואָס שנעלער צו פערלעדיגען די פּראַקטישע פונקטען, וואָס געפינען זיך אין דעם דאָזיגען מעמאָריאַל.

פלוצלונגע שטייגערונג פון דאלאר

וו א ר ש א, 18 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט) דער דאָלאַר האָט זיך היינט געהויבען אויף 9.18, ביי אַ שטאַרקער שטייגערונגס-טענדענץ. נישט קוקענדיג דערויף, וואָס די „באַנק פּאָלסקי" האָט היינט געדעקט אַלע פאָדערונגען אויף אויסלענדישע וואַלוטען. (אויף אַ סומע פון 75 טויזענד דאָלאַר).

ווי מען זאָגט, זאָל עס זיין אַ מאַכינאַציע פון דער דייטשער בערזע, צוליב דעם דעקרעט וועגען אויסלענדער, וועלכער איז פערעפענטליכט געוואָרען די טעג, און וועלכער איז ספּעציעל געווענדעט — ווי עס ערקלערען די דייטשע פאַקטאָרען, געגען די דייטשע האַנדעלס-אַגענטען.

ד אַ נ צ י ג, 18 (פּאַט) דער קורס פון זלאָטי איז דאָ היינט ווייטער געשטיגען, אַזוי אַז אויף דער אָפיציעלער בערזע האָט מען געצאָהלט 57.10 גולדען פאַר 100 זלאָטעס.

—————

אפגענומען פוילישע בירגערשאפט.

וו אַ ר ש אָ, 18 (טעלעפאָניש) לויט אַ בעשלוס פון אינערן-מיניסטעריום, זענען אָפּגענומען-געוואָרען די רעכט פון פּוילישע בירגערשאַפט — פאַר אויסמיידען דעם מיליטער-פליכט — ביי די וואַרשאָווער איינוואוינער: בנימין בעשטיאַט, אַברהם פּאָפּאָווער מאָטעל פריימונד, שלמה-זלמן צווייפוס, שלמה וויינריב, און נח קאַהאַן.

—————

א רעקארד אין אויסערן-האנדעל

האט פוילען דערגרייכט אין חודש יולי.

וו אַ ר ש אָ, 18 (טעלעפאָניש). דער האַנדעלס-באַלאַנס אין חודש יולי בעווייזט, אַז דער אימפּאָרט בעטרעפט 120.213.000 זלאָטעס, און דער עקספּאָרט — 221.522.000. די סאַלדא לטובת דעם אַרויספיהר מאַכט, אַלזאָ, אויס 101.339.000 זל.

ווען מיר זאָלען נעהמען אין בעטראַכט, אַז דער עודף פון עקספּאָרט איבער'ן אימפּאָרט מאַכט אויס אין יוני און אין מאַי אַן'ערך 70 מיליאָן זלאָטעס, דאַרף די סאַלדאָ פון יולי-חודש בעטראַכט ווערען אַלס רעקאָרד, וואָס זאָגט-עדות וועגען דעם אויפלעבען פון אונזער ווירטשאַפטליכען לעבען.

———

נאָך לאַנגע און שווערע ליידען איז געשטאָרבען אין עלטער פון 47 יאָהר מיין אומפערגעסליכע ליבע פרוי, און ער טייערע מוטער שוועסטער און שוועגערין נ. ע.

חוה אושעראוויטש

אשת ר' יעקב נ"י. 180

די לוי' קומט פאָר היינט, דאָנערשטאָג, 12 אַ זייגער מיטאָג פון טרויער-הויז חכמאדניא 47 וועגען וואָס עס טיילען מיט און גרויסען צער

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

נחום סאקאלאוו

איז תל אביב.

ירושלים, 18 (טעלעפאָניש דורך יט"אַ) דע פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, ה' נחום סאָקאָלאָוו, וועלכער ווײַלט אין א"י, האָט בעזוכט תל אביב.

דער מאַגיסטראַט פון שטאָט האָט געמאַכט פאַר איהם אַ פייערליכען קבלת פנים.

סאָקאָלאָוו האָט שטאַרק געלויבט די ענטוויקלונג פון תל אביב, און האָט אָפּגעגעבען אַ בעריכט וועגען זיין רייזע אין דרום-אַפריקע.

50 קאסטענס רוסיש גאלד

פּ א ר י ז, 18. (פּאַט) קיין לאָנדאָן איז אָנגעקומען פון מאָסקווע אַן'ענגלישער אעראָפּלאַן, וועלכער האָט מיטגעבראַכט 50 קאסטענס גאָלד, וואָס איז אַרויסגעקריגען געוואָרען פון די סיבירער גאָלד-גרובען.

געשלאסען די וועלט-קאנפערענץ פון „מזרחי".

א נ ט וו ע ר פּ ע ן, 18. (טעלעגראַפיש דורך י.ט.א.) די וועלט-קאָנפערענץ פון „מזרחי", וועלכע איז דאָ אָפּגעהאַלטען געוואָרען האָט זיך היינט געשלאָסען.

די שלוס-רעדע האָט געהאַלטען דער רב הראשי פון א"י, הרב קוק.

א גאר פיינע נדבה.

נ י ו - י אָ ר ק, 18 (טעלעגראַפיש דורך י.ט.א.) דער בעקאַנטער יודישער מיליאָנער און פילאַנטראָפּ ה' יוליוס ראָזענוואַלד, האָט מנדב געווען דריי מיליאָן דאָלאַר אויף אויפצושטעלען אין זיין געבורט-שטאָט טשיקאַגאָ אַן'אינדוסטריע-מוזעאום.

ציהונג פון דער מלוכה-לאטעריע

5-טע קל. 7-טער טאג.

3,000 זל.: 54736.

2,000 זל.: 6581, 40584, 43220, 64930.

1,000 זל.: 25238, 32084, 47775, 63431.

600 זל.: 4488, 9899, 15522, 22268, 23140, 39756.

500 זל.: 1113, 2439, 4496, 5241, 5836, 7594, 12822, 16219, 20825, 21917, 32433, 34244, 34977, 41759, 47540, 48318, 48508, 48661, 50593, 56122, 58193, 58512, 61225.

400 זל.: 3641, 5749, 5804, 5979, 10296, 14147, 15010, 18379, 18668, 19151, 20271, 26253, 30792, 32139, 34198, 38943, 40692, 40739, 41374, 41653, 45460, 47332, 48240, 48882, 49723, 49778, 56465, 56642, 57020, 57542, 58397, 58882, 60466, 61434, 62335, 63910.

רעגולירונג פון די בוי-קרעדיטען.

וו א ר ש א, 18. (טעלעפאָניש). אין זיינער צייט האָט דער פרעמיער באַרטעל צוגעזאָגט בוי-קרעדיטען אין דער הויך פון 100 מיליאָן זל. די דאָזיגע קרעדיטען זענען אָבער נאָך נישט געגעבען געוואָרען און דערווייל ווערען אַרויסגעגעבען נאָר 3 מיליאָן זל. אַ חודש הויפּטזעכליך אויף צו פערענדיגען געביידעס, וועלכע מען האָט שוין אָנגעהויבען צו בויען. פאָריגע וואָך האָט דאָס פּרעזידיום פון מיניסטאָרען-ראַט, ווי אויך דאָס אינערן-מיניסטעריום בעזוכט אַ דעלעגאַציע פון וואַרשאָווער וואוינונגס-קאָאָפּעראַטיוו מיט סען. שעדליעצקי און לאַווניק טעפּליץ בראָש, וועלכע האָבען אויפמערקזאַם געמאַכט דערויף, אַז די קרעדיטען אויף בוי-צוועקען, מיט וועלכע עס דיספּאָנירט די באַנק פאַר לאַנדעס-ווירטשאַפט ווערען געגעבען פריהער פון אַלעמען אויף צו פערענדיגען לוקסוס-ווילעס (צווישען אַנדערע האָט דעפּ. וויעזשביצקי בעקומען אַן'הלואה 30,000 זל. אויף צו פערענדיגען אַ לוקסוס-ווילע), דאַגעגען די אַרבייטער-קאָאָפּעראַטיוון אויף צו בויען הייזער קאָנען קיין קרעדיטען נישט בעקומען. די דעלעגאַציע האָט דערום געבעטען, אַז דער פינאַנץ-מיניסטער זאָל ווירקען אויף דער באַנק פאַר לאַנדעס-ווירטשאַפט, אַז זי זאָל די קרעדיטען פריהער פון אַלעמען געבען אויף צו בויען הייזער, וואָס זאָלען פערקלענערען די וואוינונגס-נויט.

*

נעכטען האָט דער פּרעמיער באַרטעל געשיקט צום פינאַנץ-מיניסטער אַ בריף אין וועלכען ער האָט אָנגעוויזען, אַז ביים פונאַנדערטיילען די בוי-קרעדיטען, וואָס די רעגירונג וועט היי-יאָהר האָבען אין איהר רשות, זאָל מען קודם כל געבען קרעדיט צו בויען אַרבייטער וואוינונגען פון 1 און 2 צימערן. אויפ'ן צווייטען פּלאַץ זאָלען זיין די קאָאָפּעראַטיוון וואָס בויען נישט זעהר גרויסע וואוינונגען פאַר דער אַרבייטענדיגער אינטעליגענץ. דאַגעגען מוזען אָפּגעלעגט ווערען די קרעדיטען פאַר לוקסוס-וואוינונגען, ווען אפילו די געביידעס האַלטען שוין ביים פערענדיגט ווערען.

ארעסטען אויף דער שווארצער קויהלען-בערזע.

וו א ר ש א, 18. (טעלעפאָניש) אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן קלענערן צופיהר פון קויהלען, און פאָרזעהענדיג, אַז אינגיכען וועט די בעפעלקערונג אָנהויבען איינקויפען קויהלען אויפ'ן ווינטער, האָט זיך אויף דער שווארצער בערזע פון קויהלען פערגרעסערט די צאָהל פון מעקלערס, וועלכע שרויפען די פרייזען. דער רעגירונגס-קאָמיסאַר האָט דעריבער פעראָרדענט דורכפיהרען אַן'אָבלאַווע אויף דער קויהלען-בערזע אויף דער טאָוואַראָווע גאַס. בעת דער אָבלאַווע זענען פערהאַלטען געוואָרען 5 פּערזאָן, פּראָטאָקאָלען זענען איבערגעשיקט געוואָרען צום פּראָקוראָר.

—————

דער שטרייק פון די ענגלישע קויהלען-גרעבער.

ל אָ נ ד אָ ן, 18 (פּאַט) דער נאַציאָנאַלער פערבאַנד פון די בערג-אַרבייטער דעלעגאַטען האָט מיט 428,000 שטימען שטימען געגען 360,000 בעשלאָסען צו געבען דעם אויספיהרונגס-קאָמיטעט פולמאַכטען מיט'ן צוועק צו אָנהויבען אונטערהאַנדלונגען מיט די אינהאַבער פון די קויהלען-גרובען און מיט דער רעגירונג.

מאָרגען טרעט מען צו צו די אונטערהאַנדלונגען.

וו י ע ן, 18 (פּאַט) די צענטראַלע פון די סאָוויעטישע פּראָפעס. פערבאַנדען האָט איבערגעשיקט צו די ענגלישע בערג-אַרבייטער 200 טויזענד גאָלד-רובעל.

ערד-ציטערניש.

ר ו י ם, 18 (פּאַט) פון מעסינא און קאַלאַבריען מעלדעט מען וועגען אַ נייע ערד-ציטערניש.

דאָס מאָל איז די ערד-ציטערניש געווען אַ לייכטע און געמאַכט קליינע היזקות.

מורא'דיגער שטורם-ווינט אין ניו-יארק צושמעטערט 15 הייזער.

פּ אַ ר י ז, 18 (ספּ. טעל.) פון ניו-יאָרק מעלדעט מען: אַ געוואַלדיגער ציקלאָן האָט אָנגעמאַכט אַ חורבן אין אַ פאָר-שטאָט פון ניו יאָרק.

15 הייזער זענען אינגאַנצען רואינירט געוואָרען, אַ סך אַנדערע זענען שטאַרק צושעדיגט.

א שרפה אויפ'ן ים.

ל אָ נ ד אָ ן, 18 (ספּ. טעל.) אויף אַ יאַפּאַנישע דאַמפער-שיף, וואָס האָט זיך געפונען אין וועג צווישען האַנקאַו און שאַנכאַי איז אויסגעבראָכען אַ שרפה. ביז ס'איז אָנגעקומען הילף, זענען 50 פּאַסאַזשירען דערטרינקען געוואָרען.

אַנייע פעלקער-ליגע.

לאָנדאָן, 18 (ספּ. טעל.). לויט ידיעות פון אַמעריקאַנישע צייטונגען האָט זיך דער פּאַרלאַמענט פון באָליוויען געווענדעט צו אַלע פּאַרלאַמענטען, פון דרום-און מיטעל-אַמעריקאַ וועגען שאַפען אַנ'אַמעריקאַנישע פעלקער-ליגע. די רעגירונג פון פּאַנאַמאַ איז מסכים געווען אונטערצושטיצען די פּאָרבערייטונגס-שריט.

די דאָזיגע נייע אַמעריקאַנישע פעלקער-ליגע וואָלט זיך קודם-כל פערנומען מיט'ן רעגולירען די ענינים צווישען די מלוכות פון דרום - און מיטעל-אַמעריקאַ.

אויפשטאַנד אין אַלבאַניען.

פּאַריז, 18 (ספּ. טעל.) אין אַלבאַניען איז פאָרגעקומען אַנ'אויפשטאַנד געגען דער רעגירונג. מען ערקלערט עס מיט אינטריגעס מצד איטאַליען, וועלכע קעמפט אין אַלבאַניען מיט דעם סערבישען איינפלוס.

נייער פּלאַן צו פערקלענערען די אימיגראַציאָנס-קוואָטאַ.

וואַשינגטאָן, (י.ט.א.) דער פאָר-זיצער פון דער אימיגראַציע - קאָמיסיע ביים קאָנגרעס ה' דזשאָנסאָן האָט ערקלערט, אַז אויף דער קאָנגרעס-סעסיע אין דעצעמבער מאָנאַט וועט בעטראַכט ווערען אַ נייער געזעץ-פּראָיעקט.

דער נייער געזעץ - פּראָיעקט וועט פערקלענערען די צאָהל עמיגראַנטען, וואָס קענען אַריינקומען קיין אַמעריקאַ: פון 164,667 אויף 160,000. אַנשטאָט די 8,872 אימיגראַנטען, וואָס קענען אַריינקומען לויט דער איצטיגער קוואָטא פון פּוילען, וועלען לויט דער נייער קוואָטא קענען אַריינקומען בלויז 4,509 עמיגראַנטען. אַנשטאָט די 50,000 פון דייטשלאַנד, — 22,000. דאַגעגען וועט זיך די קוואָטאַ פון רוסלאַנד פערגרעסערן פון 1.792 אויף 4002.

סענאַטאָר ריעד, דער פּערפאַסער פון דעם נייעם געזעץ-פּראָיעקט, האָט ערקלערט, אַז אויב דער נייער געזעץ וועט אָנגענומען ווערען, וועט ער פערזיכערען אין דער איינוואַנדערונג אַ מעהרהייט פון אַנגלאָ-זאַקסען.

די יודישע אימיגראַציע בכלל וועט פון דעם דאָזיגען געזעץ נישט געווינען. ליידען ספּעציעל וועלען די יודישע עמיגראַנטען פון פּוילען. צוליב דעם, וואָס די פּוילישע קוואָטא וועט פערקלענערט ווערען אויף כמעט 50 פּראָצ.

צוויי יודען אין דער סוויטע פון טוניסער ביי.

פּאַריז, 18 (ספּ. טעל.) אין דער סוויטע פון דעם טוניסער ביי, וועלכער האָט איצט בעזוכט פּאַריז, געפינט זיך אויך אַלס לייב-אַרצט פון'ם ביי אַ יודישער דאָקטאָר מיט'ן נאָמען "שלום.

דער דאָזיגער דאָקטאָר שלום איז זעהר פּאָפּולער און בעליבט אין טוניס, וואו ער איז בעקאַנט מיט דעם נאָמען „דער דאָקטאָר פון געטאָ", ווייל ער גיט-אָב זיין גרעסטע צייט צו בעזוכען די קראַנקע פון דער אָרימער בעפעלקערונג אין דעם יודישען געטאָ און גיט זיי נישט בלויז מעדיצינישע הילף, נאָר אויך געלד-שטיצע.

דאָקטאָר שלום האָט מיט זיך זיין אייגענעם אַפּטייקער, אויך אַ יוד.

געוועזענער לעטלענדישער מיניסטער שלאָגט יודען אויפ'ן ריגער שטראַנד.

ריגע. (י. ט. אַ.) די טעג איז דאָ פאָרגעקומען אַ פאַל, וועלכער האָט אַרויסגערופען אַ גרויסע אויפרעגונג ביי דער יודישער בעפעלקערונג. אויפ'ן ריגער שטראַנד האָבען שפּאַצירט דריי יודען. ענטקעגען זיי איז געגאַנגען דער געוועזענער אינערן-מיניסטער, אידעאָלאָג און פיהרער פון די לעטישע פאַשיסטען און רעדאַקטאָר פון דער גרעסטער אַנטיסעמיטישער לעטישער צייטונג, סיים-דעפּוטאַט אַדוואַרד בערג.

פערבייגעהענדיג האָט דער מיניסטער געגעבען אַ שטאַרקען שטויס אַלע דריי יודען, איינעם נאָכ'ן אַנדערן, אַ יודישער אינזשיניער מאירסאָן, וועלכער האָט צוגעזעהען דעם אינצידענט, האָט אויסגעשריען צום ז. מיניסטער „כוליגאַן". דער פאַשיסטישער פיהרער האָט זיך געוואָרפען אויך אויף איהם מיט אַ שטעקען. עס זענען אָבער געקומען צו הילף די איבעריגע דריי יודען און עס איז אויסגעבראָכען אַ סקאַנדאַל. די פּאָליציי, וואָס האָט זיך בעוויזען תיכף אויפ'ן אָרט, האָט צונויפגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל אין דעם זין... אַז די יודען זענען מכלומרשט בעפאַלען דעם סיים-דעפּוטאַט אַדוואַרד בערג.

עס געהט כמעט נישט פערביי אַ טאָג, עס זאָלען נישט פאָרקומען אַנפאַלען אויף יודען אויף די ריגער גאַסען, אָדער אויפ'ן שטראַנד. אין די אַנפאַלען בעטייליגען זיך הויפּטזעכליך פאַשיסטישע סטודענטען. פאַר עטליכע טעג צוריק איז אויף אַ כוליגאַנישען אופן בעליידיגט געוואָרען דער יודישער סיים-דעפּוטאַט פּראָפ. א. לאַזאַרסאָן.

באַנדיטען-אַנפאַל אין וואַרשאַ.

וואַרשא, 18. (טעלעפאָניש). נעכטען 9 אַ זייגער אין אָוונד האָבען 2 אומבעקאַנטע מאַנסליים אָנגעקלאַפּט אין יובעליר געשעפט פון אברהם וואַסערמאַן, כלאָדנאַ 12. וואו עס זענען נאָך געווען דער אייגענטימער, זיין פרוי און דער אָנגעשטעלטער. ווען מ'האָט ביידע אַריינגעלאָזט, האָבען זיי אַרויסגענומען רעוואָלווערען, טעראָריזירט די אייגענטימער פון געשעפט, פערשלאָסען די טיר און גענומען רויבען געלד, זילבער, בריליאַנטען און אַנדערע ציהרונג.

דאַן זענען זיי אַרויס אויף דער גאַס, פערשלאָסען די טיר און זענען נעלם געוואָרען, מיטנעהמענדיג מיט זיך די שליסלען. ביז איצט איז נישט געלונגען פעסטצושטעלען, ווער די באַנדיטען זע-נען.

וואַסערמאַן בערעכענט דעם היזק אויף אַ 15,000 זל.

דער נייער צענטראַל-ראַט פון די פעראייניגטע קליינהענדלער.

וואַרשאַ, 18. (טעלעפאָניש). דער נייער צענטראַל-ראַט פון די באָר-וואָס פעראייניגטע קליינהענדלער האָט אָבגעהאַלטען די ערשטע זיצונג און זיך קאָנסטיטואירט אויף פאָלגענדען אופן: פּרעזעס — אינזש סעגאַל, וויצע-פּרעזעסען — סרעברניק און אייזענמאַן, קאַסיר — יאַזשווינסקי, ווירטשאַפט — פרידמאַן.

ס'איז אויך אָבגעהאַלטען געוואָרען אַ זיצונג פון דער ליקווידאַציע-קאָמיסיע, וועלכע ליקווידירט ביידע פעראייניגען און גיט-צונויף די קאָנצעלאַריע אָפּאַראַטען אין איינעם.

האַקענקרייצלער רייסען זיך אַריין אין שוהל און שלאָגען די מתפללים.

טשערנאָוויץ. (י.ט.אַ.) די לעצטע טעג איז געקומען אַ גרופּע האַקענקרייצלער פון אַלט-רומעניען קיין ראַדאַוויץ, די צווייטע גרעסטע שטאָט אין בוקאָווינע. די האַקענקרייצלער האָבען גענומען טעראָריזירען די יודישע בעפעלקערונג פון שטאָט, שלאָגענדיג און בעליידיגענדיג די יודישע גאַסען-דורכגעהער.

אַ טייל פון די כוליגאַנעס, אין דער צאָהל פון 7 פּערזאָן, בעוואָפענט מיט גראָבע שטעקענס, האָבען זיך געלאָזט צו דער שטאָטישער שוהל, אַריינגעריסען אין פּאָליש און זיך געוואָרפען אויף די מתפללים. דער 75-יעהריגער לייב נידערהאָפער און דער 73-יעהריגער אברהם גוטמאַן זענען צושלאָגען געוואָרען דורך די כוליגאַנעס ביז צ'ם פערלירען דעם בעוואוסטזיין. נישט קוקענדיג דערויף, וואָס דער אַנפאַל איז פאָרגעקומען אין מיט'ן טאָג און אין צענטרום פון שטאָט, זענען די כוליגאַנעס נישט פערהאַלטען געוואָרען דורך דער פּאָליציי. צווישען דער יודישער בעפעלקערונג האָט דער דאָזיגער ניט-דערהערטער אַנפאַל אַרויסגערופען גרויס פערביטערונג.

„דייטשען און יודען בעאיינפלוסען די אַמעריקאַנער פינאַנץ-פּאָליטיק געגען פראַנקרייך."

פּאַריז. (י.ט.אַ.) אַרומרעדענדיג דעם בריף פון קלעמענסאָ צום פּרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאַטען קולידזש וועגען די פראַנצויזישע מלחמה-חובות אין אַמעריקאַ און די שטעלונג פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג צום דאָזיגען בריף, שרייבט די פראַנצויזישע נאַציאָנאַליסטישע צייטונג „ל'עוור": „די יודען זענען פעראַנטוואָרטליך פאַר דער איצטיגער קריטישער לאַגע פון די פראַנצויזישע פינאַנסען. עס וואָלט נע-ווען אַנ'אומרעכט מאַכען פעראַנטוואָרטליך אויסשליסליך דעם פּרעזידענט קולידזש פאַר די נישט גינסטיגע שטעלונג פון דער אַמעריקאַנער פינאַנץ-פּאָליטיק לגבי פראַנקרייך. די אַמעריקאַנער פּאָליטיק ווערט געפיהרט נישט דורך קולידזש'ן אַליין, נאָר דורך דער שמוציגער דייטשער און יודישער מינדער-הייט."

בעשטראָפט אַ פּאָליציאַנט פאַר שלאָגען אַ יוד.

וואַרשא, 18. (טעלעפאָניש). דער סיים קלוב ביים נאַציאָנאַל-ראַט האָט זיך געווענדעט מיט אַ בריף צום סטאַראָסטאַ פון וואַרשעווער קרייז, אַז ער זאָל בעשטראָפען דעם פאַלעניצער פּאָליציאַנט וואָיטקאָווסקי, פאַר שלאָגען דעם פאַלעניצער איינוואוינער דוד ראָזענפעלד.

נעכטען האָט דער נאַציאָנאַל-ראַט בעקומען מיטגעטיילט פון סטאַראָסטע, אַז וועגען דעם ענין איז שוין דורכגעפיהרט געוואָרען אַנ'אויספאָרשונג און דער פּאָליציאַנט וועט בעשטראָפט ווערען אויף אַ דיסציפּלינאַרען אופן.

נעפעהרליכע ערפינדונג פון אַ רוסישען פּראָפעסאָר

לאָנדאָן, 18 (פּ.) „דיילי טעלעגראַף" טיילט מיט: דער פּראָפעסאָר פון קיעווער אוניווערזיטעט, גאָלדמאַן, האָט פּערעפענטליכט אין די צייטונגען אַנ'אַרטיקעל וועגען זיינס אַנ'ערפינדונג. דער פּראָפעסאָר קאָן ענטוויקלען אַזעלכע שטאַרקע קלאַנג-וועלען, אַז זיי דערהרג'ענען דעם צוהערער.

די הילפס-אַרבייט פון „דזשאָינט" פאַר'ן פּוילישען יודענטום.

(וואַרשאַ 18. טעלעפאָניש).

פון אַמעריקע איז געקומען קיין וואַרשאַ איינער פון די פיהרער פון'ם אַמעריקאַנער „מזרח", מיטגליד פון עקזעקוטיוו פון דער צענטראַלע פון ד. ד. ק. און גענעראַל-סעקרעטאַר פון צענטראַל-רעליעף אין ניו-יאָרק ה"ב אהרן טייטעלבוים.

אין אַ געשפּרעך מיט אַ זשורנאַליסט האָט הרב טייטעלבוים געגעבען פאָלגענדע ערקלערונג וועגען ציל פון זיין קומען קיין פּוילען:

— „מיין קומען קיין פּוילען, איז פּונקט ווי אין פיל אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער, פערבונדען מיט'ן פּלאַן צו בעקענען זיך מיט דער אַרבייט פון ד. ד. ק. איבערהויפּט וועל איך מיך אינטערעסירען מיט דער קולטורעלער און רעליגיעזער לאַגע פון אייראָפּעאישען יודענטום. איך וועל צונויפזאַמלען מאַטעריאַל, כדי פעסטצושטעלען אויף וויפיל די יודישע קולטורעל-רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס זענען אימשטאַנד זיך אַליין אויפצוהאַלטען און אויף וויפיל עס איז נויטיג די מינימאַלע הילף פון אַמעריקאַ, כדי די עקזיסטענץ פון די אָרגאַניזאַציעס זאָל זיין געזיכערט. הגם איך אַליין געהער צו די פיהרער פון'ם אַמעריקאַנער „מזרחי", וועל איך זיך איצט מיט קיין שום פּאָליטישער טעטיגקייט נישט אינטערעסירען און מיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט ווידמען בלויז דער דערמאָהנטער פראַגע. איך וויל ביי דער געלעגנהייט בעטאָנען, אַז ביי אונז האָט פּאַרטיי-אַנגעהעריגקייט קיין שום געמיינזאַמעס נישט מיט קיין הילפס-אַרבייט. דאָס זענען ביי אונז צוויי פערשידענע וועלטען. אין דער הילפס-אַרבייט בעמיהען מיר זיך שטענדיג אויסצוראָטען יעדע פּאָליטישע טענדענץ אַלץ איינס צו וועלכער פּאַרטיי מיר זאָלען נישט געהערען רעכענען מיר זיך שטענדיג ביים בעשטייערען די הילפס-סומען ניר מיט דער פּאַקטישער בעדערפעניש פון דער אָדער יענער אָרגאַניזאַציע. מיר פערשטעהען, אַז תורה שטעהט העכער פון יעדער פּאַרטיי. גאַנץ אָפט פלעגען מיר מיינע פּאַרטיי-חברים מאַכען פאָרוואורפען, אַז אונזער רעליעף-קאָמיטעט שטיצט צופיל די שולען פון „אגודת-ישראל". דאַגעגען די פאָרשטעהער פון „אגודת - ישראל" מאַכען ווידער פאָרוואורפען זייערע חברים, אַז זיי שטיצען צו שטאַרק די „מזרחי"-שולען.

ווי בעוואוסט בעצוועקט די הילפס-אַרבייט פון ד. ד. ק. הויפּטזעכליך קאָנסטרוקטיווע הילף, יתומים-פערזאָרגונג, מעדיצינישע הילף און קולטורעלע טעטיגקייט. דאַגעגען די אַזוי-גערופענע שנעלע הילף און רעטונגס-אַקציעס זע-נען ביי אונז נאָר צייטווייליגע. נעהמענדיג אין אַכט די שווערע לאַגע פון אונזערע ברידער אין פּוילען, האָט דער ד. ד. ק. אַסיגנירט אַ געוויסע סומע געלד אויף שנעלע הילף. דאָס איז געשעהען אויף דער פאָדערונג פון ד"ר בערנאַרד קאַהן. איבערהויפּט דאַרף מען בעמערקען, אַז דער ד. ד. ק. האָט שטענדיג אַממייסטען געזאָרגט פאַר פּוילען און אַלס בעווייז קען דינען דער פאַקט, וואָס אַ דריטעל פון אַלע „דזשאָינט"-געלדער זענען געגאַנגען פאַר'ן נויטבעדערפטיגען פּוילישען יודענטום (העכער 20 מיליאָן דאָלאַר). אויך זענען מיר פעראינטערעסירט צו זאָרגען, אַז מען זאָל אונזערע ברידער אין פּוילען קענען אַרויסהעלפען און עס איז זיכער, אַז נאָכדעם ווי ד"ר קאָהן וועט קומען פון זיין איצטיגער רייזע אַ בער פּוילען קיין אַמעריקאַ, וועט מען בעשטימען פאַר פּוילען דעם מאַקסימום, וואָס עס וועט נאָר זיין מעגליך. איך מוז דערביי בעמערקען, אַז ד"ר קאַהן איז דער הילפס-אַקציע פאַר'ן פּוילישען יודענטום איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען, ער פערטיידיגט עס שטענדיג און קעמפט, אַז די אַקציע זאָל ווי-ווייט מעגליך פערברייטערט ווערען. ד"ר קאַהן האָט דעריבער אויסגעדריקט זיין צופרידענהייט וואָס איך קום קיין פּוילען און וועל זיך אַליין קענען איבערצייגען, אַז זיינע פאָדערונגען צו פערברייטערן די הילפס-אַקציע פאַר'ן פּוילישען יודענטום זענען נישט איבערגעטריבען.

— אין פּוילען רעכען איך צו ווייל ען אַנ'ערך 2 וואָכען, ווייל אויף ראש-השנה וויל איך שוין זיין אין ארץ ישראל. אין וואַרשאַ וועל איך זיין 2 טעג און דאַן פאָהר איך אויף דער פּראָווינץ, כדי זיך דאָרט צו בעקענען מיט דער לאַגע".

מודעה מהראַבינאַט.

דער קצב פייוועל ראַטמאַנסקי אַ נהאָבע פון די יאַטקע הילינסקי 122 האָט פערקויפט חלב אַלס כשר פעץ, דעריבער האָט ער צ"פ דין נישט קיין נאמנות אין פשרות, איז זיין יאַטקע אַ טריפה'נע יאַטקע. יעדער יוד, וואָס ניצט כשר פלייש קען דאָרט נישט קויפען.

176

לאָדזער ראַבינאַט.

קאָנצעסיאָנירט דורך דער עלעקטראָטעכניע.

ווער סוויל האָבען אַ ליכטיג לעבען!

זאָל קומען צו דער בעוואוסטער פירמע

ב. ראַטביין

קאָנסטאַנטינער 3

וועלכע פיהרט אויס אַלע אַרט עלעקטרישע אַנלאַגען ליכט און קראַפט גרויסער אויסוואַהל פון עלעקטרישע אַרטיקלען. צו ערמעסיגטע פרייזען.

קוממט און איבערצייגט אייך!

דערמיט דריק איך אויס מיין טיפסטען מיטגעפיהל מיין קאָלעגע ראַמעק אשעראָוויטש צוליב'ן פּריהצייטיגען טויט פון זיין ליבע מוטער

177

נ.ע. חוה

זייט פון גאָט געטרייסט!

יאַנאַס דאַבראָשינסקי.

„נייער פאלקסבלאט“

לאדז.
19 אויגוסט 1926

די פעלקער-ליגע און ארץ-ישראל

דער ראפארט פון דער שטענדיגער מאנדאט-קאמיסיע.

(קארעספאנדענץ פון גענף צום „נייעם פאלקסבלאט“).

די שטענדיגע מאנדאט-קאמיסיע ביי דער פעלקער-ליגע האט אויסגעארבייט א ראפארט, אויף צושטעלן דער פלענאר זיצונג פון פעלקער-בונד, וועלכע וועט אפגעהאלטען ווערען אנפאנג סעפטעמבער.

דער טייל פון ראפארט, וועלכער בעשעפטיגט זיך מיט ארץ-ישראל, אנערקענט מיט צופרידענהייט די פאליטיק פון דער מאנדאט-מאכט אין ארץ-ישראל. די תשובות פון דער מאנדאט-מאכט אויף די אנקלאגען נעגען דער ענגלישער אדמיניסטראציע, אנערקענט די מאנדאט-קאמיסיע פאר גענוגע און צופרידענשטעלענדע.

אנערקענענדיג די יודען די רעכט, וואס קומט זיי אין הסכם מיט די בעשטימונגען פון ארץ-ישראל מאנדאט, האט די מאנדאט-מאכט געהאנדעלט פערנינפטיג, גישט פערלויפענדיג די פאקטען און זיך בעמיהט אויסצומיידען ערנסטע קאנפליקטען צווישען דער יודישער און אראבישער בעפעלקערונג.

די מאנדאט-קאמיסיע שטעלט פעסט מיט פערגעניגען, אז די אונרוהען אין לאנד האבען זיך פערקלענערט און, אז אין אלע טיילען פון ארץ-ישראל הערשט רוה און ארדנונג. די מאנדאט-קאמיסיע צווייפעלט נישט, דאס די מאנדאט-מאכט וועט שטענדיג האבען צו איהר דיספאזיציע גענוגענדע אפוועהר-כוחות, סיי לויט דער צאהל, סיי לויט דער קוואליטעט, כדי צופערלויפען אלע מעגליכע אונרוהען, וואס וואלטען געקענט בעדראהען, וועלכען עס איז טייל פון דער בעפעלקערונג.

די קאמיסיע האט מיט פערגניגען אויסגעהערט די ערקלערונג פון פארשטעהער פון דער ארץ-ישראל רעגירונג וועגען דער פאליטיק פון דער ארץ-ישראל אדמיניסטראציע, וועלכע שטרעבט איינצופיהרען א לאקאלע אויטאנאמיע אין הסכם מיט'ן ארט. 3 פון מאנדאט. די ארץ-ישראל - אדמיניסטראציע וועט שטרעבען צו פערברייטערן דעם וואהל-סיסטעם אין די שטאדטישע ארגאניזאציעס, און האפט, דאס דער נאהענטסטער בעריכט וועט ענטהאלטען אויספיהרליכע אינפארמאציעס בנוגע דער לאקאלער זעלבסטפערוואלטונג און מכח דער בעציהונג פון דער זעלבסט - פערוואלטונג צו די בעזונדערע פאליטישע גרופירונגען.

די קאמיסיע שאצט אפ ווי געהעריג די קלארע און דייטליכע ערקלערונגען פון פארשטעהער פון דער ארץ-ישראל-רעגירונג און האט אויסגעדריקט דעם וואונש צו בעקומען די דאזיגע ערקלערונג שריפטליך.

ווייטער ענטהאלט דער ראפארט א רייהע בעמערקונגען בנוגע:

1) די שוץ פון לאנד: די קאמיסיע גלויבט, אז עס וועלען געמאכט ווערען אלע אנשטרענגונגען מיט'ן צוועק צוצואיילען און פערפאלקאמען די שוץ פון לאנד, וואס האט א וויכטיגע בעדייטונג פאר דער ענטוויקלונג פון ארץ-ישראל און פאר דער שאפונג פון דער יודישער נאציאנאלער היים. די קאמיסיע האפט, דאס האלטענדיג זיך ביי די דאזיגע דירעקטיווען, וועט מען איינגיכען קאנען אויסנוצען די ערד-שטחים אין געגענד פון בית-שאן.

2) ארבייט: די קאמיסיע בעדויערט, וואס זי האט נישט בעקומען קיין אינפארמאציעס וועגען די ארבייטס-בעדינגונגען, ווי אויך וועגען דער געזעצגעבערישער און אדמיניסטראטיווער טעטיגקייט. די קאמיסיע נעמט אין אכט די שוועריגקייטען, וועלכע די אדמיניסטראציע האט צו בעקעמפען, גלויבט אבער, אז א גוט פארמירטע געזעצגעבונג וועט זיין א גרויסע טובה פאר'ן פאר'ן לאנד. די קאמיסיע בעגריסט דעריבער די מיטיילונג וועגען א ווייטערדיגער נארמירונג פון די ארבייטס-בעדינגונגען און ווארט-אפ ידיעות בנוגע דעם צוזאמענשטעל און טעטיגקייטס-רעזולטאט פון ארבייטס-אמט.

3) ערציהונג: די קאמיסיע אנערקענט די רעארגאניזאציאנס-ארבייט פון דער אדמיניסטראציע אויפ'ן ערציהונגס-געביט און דריקט-אויס דעם וואונש צוגעפינען אין נאהענטסטען בעריכט אויספיהרליכע פרטים פון דער דאזיגער ארבייט.

רעדענדיג וועגען מעמאריאל פון אראבישען עקזעקוטיוו אין ארץ-ישראל, ווערט פעסטגעשטעלט, אז פון פערגאנגענעם יאהר אן האט זיך די לאגע אין לאנד נישט געענדערט. פאר-א-יאהרען האט די קאמיסיע נישט אנגענומען קיין ענטגילטיגען בעשלוס נישט קענענדיג זיך ארויסזאגען וועגען אזא דעליקאטער און קאמפליצירטער פראגע בלויז אויפ'ן סמך פון דאקומענטען. צוגאב - ידיעות זענען אבער זייט דעמאלט נישט דערהאלטען געווארען. אין זיין לעצטען מעמאריאל פערנעהמט נישט דער אראבישער עקזעקוטיוו קיין דורכאויס אפאזיציאנעלע שטעלונג צום מאנדאט, בעקלאגענדיג זיך בלויז אויף דעם, וואס געוויסע טיילען פון מאנדאט ווערען נישט רעאליזירט. די דאזיגע שטעלונג פון אראבישען עקזעקוטיוו מוז בעטראכט ווערען אלס א בעדייטענדער שריט פאראויס.

די קאמיסיע האפט, אז זי וועט בעקומען פון דער מאנדאט-מאכט די פערשפראכענע דאקומענטען בנוגע רוטענבערג'ס קאנצעסיע. די קאמיסיע שטעהט דערביי אויפ'ן שטאנדפונקט, אז אין הסכם מיט די בעשטימונגען פון מאנדאט דארפען אונטערנעהמונגען פון אזא וויכטיגער טעכנישער און פינאנציעלער בעדייטונג ווי רוטענבערג'ס געזעלשאפט זיין אין גאנצען אפהענגיג פון דער צענטראלער מאכט, וועלכע איז נישט בעגרעניצט אין איהר טעטיגקייט. די קאמיסיע זאגט ארויס גלייכצייטיג איהר איבערצייגונג. דאס עס איז געוואונשען, אז די בעדינגונגען פון אזעלכע ארט קאנצעסיעס זאלען נישט געהאלטען ווערען בסוד.

וואס שייך די אנקלאגעס וועגען די וואהלען און וועגען דער לאקאלער אויטאנאמיע זענען זיי, לויט דער מיינונג פון פארשטעהער פון דער ארץ-ישראל רעגירונג, נישט מעהר אקטועל. די אראבער האבען זיך אפגעזאגט פון זייערע מאנדאטען, ארויסווייזענדיג דערמיט דעם אומווילען צו ארבייטען צוזאמען מיט דער מאנדאט-מאכט.

צוליב דער געשאפענער סיטואציע איז לייכט צו געפינען אן אויסוועג פון דער לאגע, דורך אויסוועהלען אנדערע פאסיגע פערזאנען, וואס זאלען איינשטימען אויף א פארלאמענטארישער צוזאמענארבייט.

די קאמיסיע אנערקענט פאר פולשטענדיג אונבעגרינדעט די אנקלאגעס אויף דעם אופן פון אויספארשען ארעסטירטע אין ארץ-ישראל-תפיסות. די קאמיסיע בעגריסט דעם רעפארם פון ציוויל- און שטראף - געריכטס - וועזען, וואס ליגט אין די אינטערעסען פון דער בעפעלקערונג.

די קאמיסיע האט אויסגעהערט די ערקלערונגען פון פארשטעהער פון דער ארץ-ישראל-רעגירונג וועגען דער יודישער עמיגראציע און דריקט אויס די האפנונג, דאס די יודישע עמיגראציע וועט ווייטער זיין צוגעפאסט צו די אויפנאהמס - מעגליכקייטען פון לאנד.

(י. ט. א.)

די שווארצבארד-אפערע

און די פאריזער יודישע קאלאניע.

די שווארצבארד-אפערע האט פעראינטערעסירט פיל פראנצויזישע יודען מיט דער נייער וואקסענדיגער יודישער קאלאניע אין פאריז און דאס פיהרט צו א דערנעהנטערונג צווישען די פראנצויזישע און מזרח-אייראפעאישע יודען אין פראנקרייך.

.1

איינער פון די וויכטיגסטע רעקרוטען, וואס די שווארצבארד-אפערע האט צוגעצויגען צו דער יודישער קאלאניע איז שווארצבארד'ס אדוואקאט אנרי טארעס. טארעס שטאמט פון אן אלטער יודיש-פראנצויזישער פאמיליע אין אלזשיר. ער איז איינער פון די בעסטע אדוואקאטען אין פראנקרייך און די בערימטע ראדיקאלען אין אייראפע. ער געהערט צו דער גרופע פראנצויזישע ראדיקאלען און הומאניטארען, וועלכע האבען זיך גרופירט ארום דעם גרויסען אנאטאל פראנס. דאס איז די זעלבע גייסטיגע גרופע, צו וועלכער עס בעלאנגט דער בעריהמטער פראנצויזישער שריפטשטעלער אנרי בארביס און די פיהרער פון דער „ליגע פאר מענשליכע רעכט“. עס איז ווערט צו דערמאנען, אז טארעס איז נישט קיין קאמוניסט ווי עס ווערט גערעכענט הגם ער איז כמעט דער אפיציעלער פארטיידיגער פון קאמוניסטען, רעוואלוציאנערען אין סתם ארבייטער. ווי נאר א גרויסער פאליטישער אדער ארבייטער-פראצעס אין פראנקרייך אדער אפילו אויסער פראנקרייך, מעג מען זיין זיכער, אז טארעס איז דער פערטיידיגער.

טארעס איז נישט נאר א בעריהמטער אדוואקאט און ברילאנטענער רעדנער, נאר אויך א מענש פון טיפער איבערצייגונג און א גרויסער דענקער. טארעס האלט פון דער נייער טעאריע, אז פערברעכען איז מעהר א רעזולטאט פון בעדינגונגען, ווי פון אינדיווידועלע אימפולסען. ער האלט, אז די געזעלשאפט פראדוצירט איהרע פערברעכער און זי איז דערום פעראנטווארטליך פאר זיי. דער וועג אפצושאפען פערברעכען איז דערום נישט דורך בעשטראפען די פערברעכער, נאר דורך אויסבעסערען זיי און אויך די געזעלשאפט, אין וועלכע זיי געפינען זיך.

טארעס איז א יונגער מענש פון 35 יאהר אין סאמע בליהונג פון זיין יוגענד און טאלאנט. ער איז דעריבער פול מיט קאמפס-לוסטיגקייט, פייער און טעמפעראמענט. ער איז פול מיט גלויבען אין דעם נצחון פון יושר און רעכט און ער קעמפט פאר זיינע איבערצייגונגען מיט א שטארקען כח. אפילו אין געוועהנליכען געשפרעך פיהלט זיך זיין אויסערגעוועהנליכע קראפט. דער מענש האט א שטימע, וועלכע איז א זעלטענהייט אין דער וועלט. ווען איהר הערט איהם רעדען אין א צווייטען צימער און זעהט איהם נישט דערביי, וועט איהר גלויבען, אז איהר הערט א האלב טוץ מענשען רעדען מיט אמאל.

מען רופט איהם אין פאריז „טארעס דער דונער“ איך דענק, אז טארעס דער ווידערקול“ וואלט געווען ריכטיגער. זיין שטימע קלינגט ריכטיג ווי א מעכטיגער ווידערקול ערגעץ אין א געדיכטען וואלד אדער אין א גרויסען ליידיגען זאל. זייגע ווערטער קלינגען אפ רונדע, שאפע אזוי ווי זיי וואלטען זיך געקייקעלט פון א גרויסער טימפעניש. אזעלכע מעכטיגע שיינע שטימען זענען אמאל געווען דער הויפט-טאלאנט פון די קלאסישע אקטיארען. ווען קארוזא וואלט אנשטאט זינגען אין דער אפערע געהאלטען רעדעס אין געריכט-זאלען, וואלט זיין שטימע געקלונגען ווי טארעס.

פון אויסען איז ער א גרויסער, מעכטיגער מאן. א גיגאנט. נאר איבער זין גבורה איז אויסגעגאסען א זעלטענע ווייכקייט און גוטסקייט. אזוי ווי די מעהרסטע גרויסע פראנצויזישע אדוואקאטען, איז טארעס מעהר קינסטלער אלס טרוקענער יוריסט. ער אפעלירט צו די הערצער פון די ריכטער און זעלטען ווען אפילו די פערהארטעוועסטע מענשען קענען בייסטעהן זיינע ליידענשאפטליכע רעדעס.

ווי נאר דער שווארצבארד-אינצידענט איז בעוואוסט געווארען, האט ער פארגעלעגט זיין דינסט פריי, אהן בעצאהלט וואס איז אגב נישט קיין זעלטענהייט ביי איהם. ווי יעדער קינסטלער איז ער פעראינטערעסירט דערהויפט אין זיין ארבייט אין דער פערטיידיגונג פון גערעכטיגקייט. האט זיין קליענט געלד, צאהלט מען איהם; האט ער נישט, פערטיידיגט טארעס פריי, אזוי ווי זיינע קליענטען זענען מעהרסטענס ארבייטער און פאליטישע, איז ער טאקע נישט קיין רייכער מענש.

מיך האט אינטערעסירט צו וויסען עטוואס וועגען דיין יודישקייט. פיהלט ער זיך ווי א יוד? און ווי אזוי איז ער געקומען צו יודען? איך האב איהם די פראגע אפענהערציג געפרעגט.

זיין ענטפער איז זעהר אינטערעסאנט און כאראקטעריסטיש: ער איז אויסגעוואקסען גאנץ ווייט פון יודען און יודישקייט. ער האט געוואוסט, אז ער שטאמט פון יודען, זיין פאמיליע האט עס קיינמאל נישט בעהאלטען, נאר זיין דערציהונג איז געווען אינגאנצען א פראנצויזישע.

נישט רעליגיעז און נישט נאציאנאל האט ער זיך געפיהלט אלס יוד. פון אנטיסעמיטיזם האט ער קיינמאל נישט געליטען. „קוקט מיר אן!“ – האט ער מיר געזאגט מיט זיין גוטען שמייכעל – „וועט איהר פערשטעהן פארוואס“. ער קאן געבען אזא קלאפ, אז אן אנטיסעמיט זאל שוין פערשפארען אנטיסעמיטעווען אויף אייביג נאכדעם. מיט אזעלכע דיזען הויבען זיך אנטיסעמיטישע פחדנים נישט אן.

נאך יעדען גרויסען פראצעס זיינעם בעקומט ער הונדערטער בריף פון אנטיסעמיטען אין וועלכע מען זידעלט איהם אלס יוד מיט די שמוציגסטע ווערטער, אבער די בריף זענען אלע אנאנימע, אהן אונטערשריפטען. אפען האט איהם נאך קיינער נישט געוואגט צו בעליידיגען. ער ווערט אנגענומען אין דער העכסטער אריסטאקראטישער און אינטעלעקטועלער געזעלשאפט פון פראנקרייך און פון קיין גלות ווייס ער נישט.

ער האט זיך צום ערשטען מאל דערוואוסט וועגען יודען און זיך פערזענליך בעקאנט מיט זיי, ווען ער איז שוין געווען אן אדוואקאט און זיין נאמען איז שוין געווען בעוואוסט.

ווי איך האב שוין דערצעהלט, ספעציאליזירט זיך טארעס אין פאליטישע פראצעסען און מען רופט איהם אפט אין אנדערע לענדער אויסער פראנקרייך. איינעם אזא פראצעס האט ער געהאט אין רומעניען, וואו ער האט פערטיידיגט א גרופע דארטיגע קאמוניסטען. דארט האט ער זיך צום ערשטען מאל געטראפען מיט יודען און אויך מיט'ן אנטיסעמיטיזם.

דער ווילדער, זאאלאגישער האס, וועלכען ער האט בעגעגענט אין רומעניען און בעסאראביען, האט אויף איהם געלאזען א טיפען איינדרוק. נישט אזוי דער יוד, ווי דער מענש, דער קעמפער איז אין איהם דערוועקט געווארען. ער, וועלכער האט אין זיין לעבען געווידמעט די אונטערדריקטע און פערפאלגטע, האט פלוצים דערזעהן די אונטערדריקטסטע פון אלע אונטערדריקטע און פערפאלגטסטע פון אלע פערפאלגטע און ער האט זיך באלד מיט זיי פעראינטערעסירט. זיין אינטערעס אין זיי איז נישט אלס יודען, נאר אלס פערפאלגטע מענשען. זייער יודישקייט און זייערע נאציאנאלע אייגענטימליכקייטען אינטערעסירען איהם דערווייל נאך נישט, נאר זייערע צרות פערכאפען איהם און ציהען איהם צו זיי.

ווי ער האט מיר אליין איבערגעגעבען, הויבט אן דער שווארצבארד-פראצעס אויף איהם צו האבען אויך אן אנדער ווירקונג. עס הויבט איהם אן ברענגען נעהנטער צו יודען און ער הויבט זיך אן בעקענען מיט זיי, נישט נאר אלס מיט-קרבנות פון פערפאלגונג. ער בעקומט איצט הונדערטער בריף פון דער גאנצער וועלט און גאנץ אפט קומען איצט צו איהם יודען פון בעסאראביע, פוילען און ליטע; יודען, וועלכע ווילען עדות זאגען וועגען די פאגראמען. ער הויבט אן זיך אינטים בעקענען מיט יודישע פיהרער און מאסען און עס עפענט זיך איצט פאר איהם א נייע וועלט, וועלכע ער האט נאך ביז איצט נישט געקענט און וועלכע איז איהם זעהר סימפאטיש.

ווער ווייס ווי ווייט די דאזיגע סימפאטיעס וועלען איהם פיהרען? איין זאך איז שוין איצט זיכער, – אז די יודישע קאלאניע אין פאריז האט דורך דעם שווארצבארד - פראצעס שוין געוואונען א זעהר סימפאטישע און וויכטיגע פערזענליכקייט אלס פריינד און פערטיידיגער. זאל דער נייער יודישער ישוב אין פראנקרייך זיך נויטיגען ווען אין א פריינד, קען ער זיך פערלאזען אויף אנרי טארעס.

וויליאם צוקערמאן.

Dr. med. I. WAJNBERG
Cegielniana 47 tel. 26-02
אינערליכע קראנקהייטען. ספעצ. לונגען און הארץ-קראנקהייטען בעשטראלונגען מיט קונסטליכע בערג-זון.
נעמט אן פון 3—5 נאכמיטאג. 1317

Dr I. MARGOLIS
(starszy)
Traugutta 12, tel. 22-56,
POWRÓCIŁ, 105

נייער פאלקסבלאט
19. אויגוסט 1926.

דאס לאדזער לעבען

נייער פאלקסבלאט
19. אויגוסט 1926.

19
דאנערשטאג
ט
אלול תרפ"ו

אויגוסט.
זון-אויפגאנג 4,10
זון-אונטערגאנג 6,57
לענג פון טאג 14,24

טאג-נאטיצען.

מוחל די טובה.

אין דער קראניק-אפטיילונג פון היינטיגען נומער געפינט זיך א נאטיץ, אז אונזער הויכגעשעצטער מאגיסטראט האט שוין אנגעהויבען צו בעטראכטען דעם בודזשעט אויפ'ן יאהר 1927 און האט בעוויליגט דארט אריינצושטעלען א סומע פון 515 טויזענד זלאטיס אלס סובסידיעס פאר פערשידענע שטאטישע געזעלשאפטען און פעראיינען. פון דער דאזיגער סומע וועלען די יודישע געזעלשאפטען בעקומען גאנצע... 15 טויזענד זלאטיס.

ביי דער דאזיגער געלעגענהייט וואלט כדאי געווען צו לערנען מיט די מאגיסטראט-מיטגלידער א ביסעל סטאטיסטיק, ווען די סטאטיסטישע אפטיילונג ביים מאגיסטראט שטעלט אזעלכע מאטעריאלען נישט צו.

דער מאגיסטראט האט על פי שכל געדארפט זיך דערוויסען וויפיל עס צאהלט שטייערען די יודישע בעפעלקערונג אין לאדז און וויפיל די קריסטליכע, וויפיל יודען עס זענען פערהאן אין לאדז, וויפיל יודישע אינסטיטוציעס האלט דער מאגיסטראט אויס אויף זיין אייגענעם חשבון און וויפיל קריסטליכע, וועלכע פילאנטראפישע אינסטיטוציעס, אדער געזעלשאפטליכע פעראיינען זענען ריהרעוודיגער — די יודישע אדער די קריסטליכע.

ווען די מאגיסטראט-מיטגלידער וואלטען אט די דאזיגע מאטעריאלען געהאט אויפ'ן טיש בעת'ן בעטראכטען די פראגע וועגען סובסידיעס וואלט דאך בשום אופן נישט געקענט זיין קיין פערהעלטניש צווישען די יודישע און נישט-יודישע סובסידיעס ווי 15 טויזענד געגען 500 טויזענד, על-כל-פנים רעכענען קענען נאך אונזערע טאטע-פערזארגער.

איז דאך א סימן, אז זיי האבען זיך נישט בענוצט מיט די דאזיגע מאטעריאלען ווילען מיר זיי איצט דערמאנען: די שטייערען פון דער יודישער בעפעלקערונג אין לאדז זענען לכל-הפחות נישט קלענער (אויב נישט גרעסער) ווי פון דער נישט-יודישער בעפעלקערונג. די יודישע בעפעלקערונג איז א דריטעל פון דער גאנצער בעפעלקערונג אין שטאט. דער מאגיסטראט האלט אויס א צעהנדליג אינסטיטוציעס, פון וועלכע יודען געניסען לגמרי נישט און אויך קיין איין יודישע אינסטיטוציע נישט, און ענדליך — די יודישע אינסטיטוציעס זענען פיל ריהרעוודיגער אין זייער טעטיגקייט ווי די נישט-יודישע.

היינט ווי קומט אזא פערהעלטעניש 15 טויזענד און 500 טויזענד? האט מען אונז נאר געוואלט צווארפען אביינדעל — זענען מיר מוחל די טובה.

י. ראנכין.

בעהערם

ווילען העכערען דעם פרייז פון ברויט.

(א) נעכטען האט זיך א דעלעגאציע פון בעקער-צעך געוואנדען צו דער פרייזען-קאמיסיע ביים מאגיסטראט מיט א פאדערונג צוזאמענצורופען פרייטאג א קאנפערענץ, כדי צו פערטייערען דעם פרייז אויף געבעקס, מאטיווירענדיג דאס מיט דער שטייגערונג אויף מעהל. ווי מיר דערוויסען זיך וועט די קאמיגאלע מאכט אפווארפען די פאדערונג פון די בעקער.

היט אייך פאר טיפוס!

אין דער לעצטער צייט טרעפען זיך ביי אונז אין שטאט א סך פאלען פון טיפוס.

לאדז, די שטאט, וועלכע פערמאגט גישט קיין עלעמענטארע היגיענישע איינריכטונגען, ווי קאנאליזאציע, וואסער-לייטונגען א. ד. גל. איז שטענדיג געווען א נעסט פון פערשידענע קראנקהייטען. זעהר שווער איז דעריבער אויך צו בעקעמפען דעם טיפוס, ווען ער ברעכט אויס אין אזא שטאט, ווי לאדז, עפידעמיש.

נאר ווי געפעהרליך טיפוס איז, קאן מען זיך דאך אפהיטען פון אנשטעקען זיך פון דער קראנקהייט, מען דארף נאר אפהיטען די וויכטיגסטע היגיענישע כללים.

די ערשטע זאך, וואס מען דארף געדענקען, איז וואשען זיך די הענד פאר יעדען עסען. ברודיגע הענט טראגען איבער אויף די מאכלים די פערשידענע באקטעריעס, וועלכע רופען ארויס דעם טיפוס.

ווייטער איז וויכטיג נישט צו עסען קיין אונגעשיילטע, אדער נישט-געקאכטע אויבסט, ווייל אויף דעם אויבסט געפינט זיך דיזעלבע באקטעריעס, וועלכע ווערען אראפגעשלונגען ביים עסען.

לעצטענס ווערט בעקעמפט דער טיפוס דורך ספעציעלע אנטי-טיפוס-פילע, וועלכע ענטהאלטען אין זיך א שטאף, וועלכע מאכט דעם מענשליכען ארגאניזם ווידער-שטאנד-פעהיג געגען טיפוס-אנשטעקונג. ס'איז פעסטגעשטעלט געווארען, אז די פערזאנען, וועלכע נעהמען איין די פילען, ווערען זעהר זעלטען קראנק אויף טיפוס און אויב זיי ווערען קראנק, געהט אדורך די קרענק זעהר לייכט. צוליב דעם איז וויכטיג, אז די בעפעלקערונג זאל אזעלכע פילען זיך פערשאפען און איינצעהמען. אגב זענען זיי זעהר ביליג און מען קאן זיי בעקומען צו יעדער צייט אין געזונדהייטס-אמט.

בעשטראפט מיט ארעסט פאר נישט האבען קיין פאטענט.

אין מאי פון יאהר 1924 האט א פאליציאנט צוזאמענגעשטעלט א פראטאקאל געגען יעקב זאלצבערג פון דאמביע פאר האנדלען מיט גאלאנטעריע-ארטיקלען אהן א פאטענט. דער פינאנץ-אמט אין קאלא האט זאלצבערג'ן בעשטראפט פאר נישט האבען קיין פאטענט אין די יאהרען 1923 און 1924 צו בעצאהלען 46 זל. און 66 זל. שטראף.

זאלצבערג האט דעם בעשלוס פון פינאנץ אמט אנגעקלאגט אין געריכט. דאס פרידענס-געריכט אין דאמביע האט בעטראכט די אנקלאגע. אלס עדות מצד'ן פינאנץ-אמט זענען ארויסגעטראטען דער פאליציאנט, וואס האט צוזאמענגעשטעלט דעם פראטאקאל און דער דאמביער „ראזוואיניק" כמעלעווסקי. דאס געריכט האט ציגע פסקנט זאלצבערג זאל בעצאהלען 141 זל. און די געריכטס-קאסטען אדער 3 וואכען ארעסט. ה' זאלצבערג האט זיך געווענדעט צום סוחרים-פעראיין (פעטריק. 10) אז ער זאל זיך פערנעהמען מיט דער אנגעלעגענהייט. ווי ס'אינפארמירט אונז דער סוחרים-פעראיין איז עס דער ערשטער פאל אין זיין פראקטיק, ווען ס'זאל פאר אזא שולד צוגעפסקנט ווערען ארעסט. דער סוחרים-פעראיין האט אנגעגעבען אן אפעלאציע.

סאוויעטישע האנדעלס-מיסיע-פוילען

זאל אינגאנצען ליקווידירט ווערען.

(ס) נישט קוקענדיג וואס דער ווינטער-סעזאן אויף טעקסטיל-סחורות ענטוויקעלט זיך זעהר גוט, קען דערווייל נישט זיין קיין רייד וועגען מאכען גרעסערע האנדעלס-טראנזאקציעס מיט סאוויעטישע פירמעס. קודם כל פערלאנגען זיי נאך אלץ א לאנג-טערמיניגען קרעדיט, חוץ דעם די היגע אינדוסטריעלער קענען דערווייל נישט געבען אין צוזאמענהאנג דערמיט האבען זיך פערשפרייט קלאנגען, אז עס זאל ליקווידירט ווערען די סאוויעטישע האנדעלס מיסיע לעצטענס זענען אויך ליקווידירט געווארען די סאוויעטישע האנדעלס-פארשטעהערשאפטען אין די באלטישע מלוכות.

דער מאגיסטראט שאקעלט זיך...

„אין די ווענד פון מאגיסטראט-בנין זענען פערהאן אלטע שפאלטען און נישט קיין נייע!" — אזוי ערקלערט דער מאגיסטראט.

(מ) דער מאגיסטראט טיילט מיט, צוליב די ידיעות, וועלכע האבען זיך בעוויזען אין דער פרעסע, האט דער לאוואניק פון דער בוי-אפטיילונג ביים מאגיסטראט אינזש. פאלקיערסקי ערארדענט אדורכצופיהרען א וויזיע פון מאגיסטראט-בנין, די וויזיע האט דורכגעפיהרט די בוי-אינספעקציע ביים מאגיסטראט.

די וויזיע האט פעסטגעשטעלט, אז דעם בנין דראהט גישט קיין שום געפאהר און די מורא וועגען דעם איז א אומזיסטע, קיין נייע שפאלטען זענען נישט פעסטגעשטעלט געווארען, די שפאלטען, וועלכע מ'זעהט אויף די ווענד אדער סופיטען זענען שוין גאנץ אלטע.

מ'דארף צוגעבען דאס אויסבויען דעם מאגיסטראט צוזאמען מיט'ן אינערליכען רעמאנט האט געקאסט 370 טויזענד זלאטיס.

א שמועס וואס קאסט 1000 זלאטעס...

אדער ווי אזוי א לאוויטשער סוחר איז נעבעך מיאוס אפגענארט געווארען אין לאדז.

(:) דעם לאוויטשער סוחר משה וואוימאן האט זיך איינגעגעבען דורכצופיהרען גוט זיינע געשעפטען אין לאדז און אזוי ווי ער האט שוין נישט געהאט וואס צו טון, האט ער בעשלאסען אהיימצופאהרען צו זיין ווייב, קיין לאוויטש. געקומען אויף דעם קאלישער-וואקזאל, טרעפט ער נאך די בילעטען-קאסע פערמאכט. מיד פון וועג און פון ארומלויפען אין לאדזער געשעפטען, האט ער זיך אוועקגעזעצט אויף א באנק אין דעם ווארטע-זאל, זיין וואליזע מיט אלע זאכען אוועקגעשטעלט נעבען זיך אויף דער פאדלאגע.

דערווייל האבען זיך צו דעם סוחר צוגעזעצט 3 יונגעלייט, וועלכע האבען געפיהרט א געשפרעך וועגען האנדעלס-ענינים ווי קאן מען נישט אנטייל-נעהמען אין אזא געשפרעך, אז מען איז אנגעשטאפט מיט נייעס פון היינטיגע שווערע צייטען, ר' משה האט זיך באלד טאקע אין דעם געשפרעך אריינגעמישט.

אינמיטען דערינען האט מען געעפענט די בילעטען-קאסע ה' וואוימאן איז שנעל צוגעלאפען צו דער קאסע און זיין שווערע וואליזע האט ער איבערגעלאזט צו היטען זיינע נייע גוטע פריינד. ווי גרויס אבער איז געווען זיין יאוש, ווען צוריקקומענדיג צו דער באנק, האט ער בעמערקט, אז זיינע „סוחרים" זענען פון דארט פערשוואונדען און צוזאמען מיט זיי אויך די שווערע וואליזע מיט זאכען אויף א ווערט פון 1000 זלאטעס.

דער איבערגעשראקענער סוחר האט וועגען דעם געמאלדען דער פאליציי, וועלכע זוכט איצט ארום די געשיקטע גנבים.

א מעדעל שפרינגט פון ערשטען שטאק.

א ברוטאלער אנפאל אויף א מעדעל.

(-) אויף דער גראבאווער-גאס 6 אין נעכטען פארגעקומען א פאל, וועלכער האט אויפגערודערט אלע ארומיגע איינוואוינער.

דער דארטיגער איינוואוינער קשישאנאווסקי האט איינגעארדענט ביי זיך אין צימער א יום-טוב, אויף וועלכער ער האט איינגעלאדען זיינע „פשיאטשעלעס", צווישען וועלכע ס'האט זיך געפינען די 22-יעהריגע העלענא גרושעווסקא, ווען ס'האט שוין אויסגעפעהלט טרינק מאטעריאל, האבען זיך אלע געלאזט אין גאס ארויין נאך גייע פלעשלעך. אין דער וואוינונג איז פערבליבען נאר דער בעל-הבית אליין מיט דעם מעדעל.

דאס האט געוואלט אויסנוצען קשישאנאווסקי און ער האט זיך געווארפען אויף דער גרושעווסקא, וועלענדיג זי פערגוואלדיגען. זעהענדיג דאס גרויסע געפאהר, וואס ס'דראהט איהר, איז גרושעווסקא צוגעשפרינגען צום פענסטער און זיך ארויסגעווארפען פון ערשטען שטאק. דער בעל-דבר, זעהענדיג דאס, איז באלד ניכטערן געווארען, ער איז ארויסגעלאפען אויף דער גאס, רופענדיג נאך הילף.

די גיכע הילף האט איבערגעפיהרט די פערוואונדעטע גרושעווסקא אין שפיטאל אריין. קשישאנאווסקי איז ארעסטירט געווארען.

וואיעוואדע

געפאהרען אויף אן אינספעקציע-רייזע.

(ב) נעכטען אין דערפיה איז געקומען פון ווארשא דער וואיעוואדע יאשטשאלט און האט איבערגענומען זיין אמט. נאכמיטאג איז דער וואיעוואדע צוזאמען מיט זיין סעקרעטאר אוועקגעפאהרען מיט אן אויטא אויף אן אינספעקציע אין בזשעזשינער פאוויאט.

אפצאהל

אין די מלוכה-שולען.

(וו) כדי צו דעקען די אדמיניסטראציע-קאסטען אין די מלוכה'שע מיטעלשולען האט דאס בילדונגס-מיניסטעריום איינגעפיהרט אן אפצאהל פון 45 זלאטיס פאר יעדען שילער אויפ'ן יאהר 1927.

ארבייטסלאזע

בעקומען נישט קיין הוספה.

(ס) נעכטען האט דער ארבייטסלאזער פאנד בעקומען א בריף פון דער דירעקציע, אז די פארערונג וועגען העכערן די אונטערשטיצונג פאר די ארבייטסלאזע מיט די זעלבע 12 פראצ. וואס האבען בעקומען הוספה די ארבייטער, ווערט ענטגילטיג אפגעווארפען.

בעריכטיגונג.

ווי עס אינפארמירט אונז די קרעדיט-שוץ-אפטיילונג ביים סוחרים פעראיין (פיעטריק. 73), איז אין דער נעכטיגער ליסטע וועגען די וואס צאהלען נישט קיין פראטעסטען על-פי-טעות אריינגעפאלען דער נאמען פון די ברידער שיווק אין ווארשא געגשא 10.

א „צמענטאזש"

פון דער בראנז-עפאכע הינטער לאדז.

(ס) אין דארף זיענעץ איז בעת די ערד-ארבייטען ענטדעקט געווארען א פאר-היסטארישער צמענטאזש. די געפיהרטע ארבייט האט געבראכט צו ענטדעקען 200 קברים, וועלכע שטאמען פון דער בראנז-עפאכע. אין די קברים זענען געפינען געווארען פערשידענע בראנזענע זאכען, ווי בראנזאלעטען, פינגערלעך א. א. וו.

א בעסטיע!

א דינסט-מיידעל שטעקט אן א 5-יעהריג יונגעלע מיט א וועגערישער קראנקהייט.

(-) אויף איינער פון די זומער-וואוינונגען הינטער לאדז איז געשעהען פאלגענדער טרויעריגער פאקט: דאס דינסט-מיידעל וולאדיסלאווא קרושינסקא איז בעגאנגען א נצוואלד-טאט איבער דעם 5-יעהריגען זוהן פון איהר בעל-בית ב. מ. און האט דאס קינד אנגעשטעקט מיט א ווענערישער קראנקהייט. ביים אויספארשונגס-ריכטער האט זיך קרושינסקא מודה געווען אין איהר שולד. עס דראהט איהר עטליכע יאהר שווערע טורמע.

Dr. med. H. LUBICZ
צעגעלניאנא 43, טעל. 41-32
ספעציאליסט פאר הויט, וועגערישע און סעקס-נער-שוואכע קראנקהייטען. 1839
היילונג מיט קווארץ-לאמפען (האר-אויס ואל)
נעמט אן פון 9—11 און פון 5—8 אווענד.

Dr. med.
EYCHNER Jakób
Aleja 1-go Maja 16, Tel. 11-24
אינערליכע און קינדער-קראנקהייטען.
נעהמט אן פון 6 – 7, זונטאג פון 3–4.

שטייער-אמנעסטיע פאר רואינירטע סוחרים און האנדווערקער.

די אקציע פון די סוחרים-פעראיינען. - ווער עס קאן גענוסען פון דער אמנעסטיע. - מען פיהרט שוין אדורך א קאנטראלע. - די גרויסע צאהל רואינירטע סוחרים און האנדווערקער.

(*) די סוחרים-פעראיינען פון לאדז, ווארשא און פראווינץ האבען שוין זייט א לענגערע צייט אויפגעהויבען די פראגע וועגען שטייער-אמנעסטיע פאר די רואינירטע סוחרים. די דאזיגע פראגע איז ענדליך געלעזט געווארען און די טעג האט דאס פינאנץ-מיניסטער-יום פונאנדערגעשיקט א צירקולאר (III. № 10 312) צו אלע פינאנץ-קא-מערן און פינאנץ-אמטען, אז זיי זאלען באלד אנהייבען אדורכפיהרען א גענויע קאנטראל, כדי פעסטצושטעלען די צא-לונגס-פעהיגקייטען פון דער דערמאנ-טער קאטעגאריע שטייער צאלער.

די שטייער אמטען קענען זיך דערביי בענוצען מיט דער הילף פון די סוחרי-שע און האנדווערקער-ארגאניזאציעס, וועלכע זאלען צושטעלען די ליסטעס פון זייערע פעראריטעטע מיטגלידער. וואס דארפען גענוסען פון די דאזיגע הנחות. די שטייער-אמטען שיקען איבער די אינפארמאציעס מיט זייערע מיינונ-גען צו דער פינאנץ-קאמער („איזבא סקארבאווא"), וועלכע גיט ארויס די ענטגילטיגע דעציזיע, אויב דער בע-טרעפענדער שטייער-צאהלער דארף איינגעצנצע, אדער טיילוויז בעפרייט ווערען פון זיין שטייער-חוב צו גאר אפוואר־פען די בקשה. די דאזיגע פער-ארדנונג איז נוגע נאר די אלטע חובות פאר אומזאץ-שטייער ביז 1 יאנואר 1925.

אין דעם צירקולאר ווערט אנגעוויזען, אז די דאזיגע אקציע זאל צוגעאיילט ווערען.

דאס מיניסטעריום מאכט דערביי אויפמערקזאם, אז אין פאל ווען די ליסטעס וואס די פעראיינען וועלען צו-שטעלען, וועלען זיך ארויסווייזען א פאר פאלען, ווען די דאטען וועלען נישט שטימען, וועט די גאנצע ליסטע נישט גענומען ווערען אין בעטראכט.

פון די דאזיגע הנחות וועלען קענען גענוסען די ארימסטע שיכטען, גע-וועזענע סוחרים, בעלי-מלאכות, וואס זייער פערמעגען איבערשטייגט נישט דעם סכום פון שטייער-חוב.

די לאדזער פינאנץ-קאמער האט שוין דערהאלטען דעם צירקולאר פון פינאנץ-מיניסטעריום וועגען דער שטייער-אמ-ניעסטיע. אין צוזאמענהאנג דערמיט טיילט מען אונז מיט פון צענטראלען סוחרים-פעראיין (פעטריקאווער 10), אז דער פעראיין האט שוין אנגעהויבען די קאנטראלע פון זיינע מיטגלידער, וועל-כע ווילען גענוסען פון דער הנחה. די דאזיגע בקשות וועלען בעטראכט ווערען דורך די פינאנץ-אמטען אינדיווידיעל. די קאנטראלערען פון סוחרים-פעראיין שטעלען פעסט דעם נאמען, פאמיליע, אדרעס, בעשעפטיגונג, עלטער, ווען די אונטערנעהמונג איז ליקווידירט געווארען, וועלכען פאטענט עס האט געהאט דער אונטערנעהמער, וויפיל ער איז שולדיג, זיין איצטיגען פערמעגענס-צושטאנד א. א. וו. די דאזיגע אינפאר-מאציעס מיט דער מיינונג פון פעראיין ווערען איבערגעשיקט אין צוויי עקזעמפ-לארען צום בעטרעפענדען פינאנץ-אמט און צו דער פינאנץ-קאמער. צוליב דעם, וואס די ארבייט איז זעהר א פעראנט-ווארטליכע, בעמיהט זיך דער פעראיין אין זיינע אנווייזונגען און אויספיהרונ-גען צו זיין זעהר גענוי און נישט אריינ-געפיהרט צו ווערען אין בייזוויליגע, אדער צופעליגע טעותים.

די קאנטראל-קאמיסיע פון סוחרים-פעראיין האט שוין נעכטען אנגעהויבען איהר טעטיגקייט. ביז איצט זענען אין פעראיין איינגעפלאסען צירקא 200 אזעלכע ביטעס.

יודען אהן מעטריקעס,

בעשטעטיגט זייער „פאבא" עלטער.

(ב) נעכטען איז אין מאגיסטראט אונ-טער'ן פארזיץ פון וויצע-פרעזידענט חאיעוואוזקי, מיט'ן אנטייל פון לייטער פון ציוויל-שטאנדס-אמט אלעקסי דרושעווסקי, פארגעקומען א זיצונג פון דער קאמיסיע פעסטצושטעלען די על-טער פון די „פאבאראווע יודען", עס זע-נען ערלעדיגט געווארען עטליכע פע-טענטען, וועלכע האבען בעקומען ענט-שפרעכענדע בעשטעטיגונגען.

פערגרעסערט די אפטייק ביי דער קראנקען-קאסע.

(–) דינסטאג איז פארגעקומען א זי-צונג פון דער פערוואלטונג פון קראנ-קען-קאסע. ס'איז בעשלאסען געווארען צו די געבען א גרעסערען לאקאל פאר דער אפטייק ביי דער 1-טער „לעטשני-צע".

ווייטער האט די פערוואלטונג בע-שלאסען צו דעלעגירען אויפ'ן צוזא-מענפאהר צו בעקעמפען סוכאטעס דעם ד"ר קלושינסקי און ד"ר פינקוס.

פראווינץ-אפטיילונג ביים סוחרים-און פאבריקאנטען-פעראיין.

(*) לויט א פערשטענדיגונג מיט דער ווארשאווער סוחרים-צענטראלע איז ביים לאדזער צענטראלען סוחרים- און פאבריקאנטען-פעראיין (פעטריק. 10) געשאפען געווארען א ספעציעלע פראו-ווינץ-אפטיילונג. די דאזיגע אפטיילונג וועט ערלעדיגען פערשידענע אנגעלע-גענהייטען ביי דער היגער פינאנץ-קא-מער, ביי דער אויפויכטס-מאכט א.א.וו.

שטרייקען און סכסוכים.

די אונטערהאנדלונגען מיט די שטרייקענדע זאקען-ארבייטער נישט געבראכט צו קיין הסכם

(י) היינט איז פארגעקומען ביים אר-בייטס-אינספעקטאר א קאנפערענץ צווי-שען די זאקען-פאבריקאנטען מיט די שטרייקענדע זאקען-ארבייטער. נאך לאנ-גע אונטערהאנדלונגען האבען די פאב-ריקאנטען מסכים געווען צו דערלעגען פון 8-12 פראצ. די ארבייטער זענען ווייטער געשטאנען ביי זייערע פאדע-רונגען – 25 פראצענט הוספה. דער ארבייטס-אינספעקטאר האט פארגעלעגט אניהוספה פון 10-15 פראצענט.

אזוי ווי די פאבריקאנטען האבען אויף דעם פארשלאג נישט געוואלט מסכים זיין, איז די קאנפערענץ איבערגעריסען געווארען אהן א רעזולטאט.

צוליב דעם, וואס דער שטרייק ביי די קראפט-זאקען-מאכער נעהמט ארום אויך די פארמירערס, וועלען די האנד זאקען-מאכער אויך זיין געצוואונגען אבצושטעלען די ארבייט, ווייל עס איז נישטא ווי אויסצופערטיגען די רוהע כחורות.

שטרייק פון די שטריקער-ארבייטער.

(י) היינט איז אויסגעבראכען א שטרייק פון די שטריקער-ארבייטער. די פאדע-רונג איז: נארמירען די לוינען לויט דעם פעראיינס-טאריף. עס שטרייקען ביז 400 יודישע ארבייטער. ביז אווענד האבען די גרעסערע פאבריקאנטען די פאדערונגען נאכגעגעבען.

לוין-אקציע פון די שטעפער-ארבייטער.

צוליב דעם, וואס די לאגע אין שטע-פער פאך, האט זיך בעדייטענד געבעס-סערט, האט דער לעדער-פעראיין, נא-וואמיעסקא 27, בעשלאסען פארנעהמען אנ'אקציע, כדי צו דערגרייכען א לוין-הוספה פאר די שטעפער ארבייטער. צו דעם צוועק ווערט גערופען אויף היינט א פערזאמלונג פון אלע יודישע שטע-פער-ארבייטער.

יודישע פאגראם-יתומה

אויפן קבר פון איהר טראגיש געשטארבען חתן.

נעכטען פארטאג איז איינער פון די וועכטער פון עוואנגעלישען צמענטאזש אין ווארשא אויפגעציטערט געווארען דערהערענדיג עפיס פערדעכטיגע הארצ-רייסענדע קרעכצען, וואס האבען זיך געטראגען פון עפיס א קבר.

דער איבערגעשראקענער וועכטער האט אין אנהויב געוואלט אוועקלויפען רופען מענשען; דאס קרעכצעריי איז אבער געגאנגען אזוי ריהרענד, אז ער האט זיך אנגעהויבען דערנעהנטערען צום געהיימניספולען קבר.

אויף איינעם פון די פרישע קברים האט ער בעמערקט ליגען א יונגע פרוי. די פרוי האט זיך געווארפען אין קאנ-וואולסיען; דער קאפ איהרער און די הענד זענען געווען איינגעגראבען אין דער ערד.

ווען דער וועכטער איז צוגעקומען צו דער אומבעקאנטער, האט ער זיך איבערצייגט, אז זי האט זיך גע'סמ'ט מיט א פליסיגקייט און נעבען איהר איז געלעגען אנ'אויסגעלעדיגט פלעשעל.

מען האט די אומגליקליכע אריינגע-נומען אין דער קאנצעלאריע און ארויס-גערופען א דאקטאר, וועלכער האט נאכ'ן אנקומען פעסטגעשטעלט, אז די איינבעקאנטע האט אויסגעטרונקען א גרויסע דאזע מארפין און איהר לאגע איז געפעהרליך. זי איז אפגעפיהרט גע-ווארען אין וואליער שפיטאל.

ווער זי איז און וואס עס האט זי געשטויסען צו בעגעהן זעלבסטמארד צווישען ווייסטע קברים – איז תחילת נישט געלונגען פעסטצושטעלען.

ערשט בייטאג האט זיך די אונבע-קאנטע אומגעקעהרט צום בעוואוסט-זיין און האט דעם פאליציי-בעאמטען איבערגעגעבען פאלגענדעס:

זי הייסט סטאניסלאווא פאפלאווסקא, 24 יאהר אלט.

שטודירענדיג אויפ'ן יורידישען פא-קולטעט האט זי זיך בעקענט מיט א יודישען סטודענט און עס איז צווישען זיי ענטשטאנען א ליבע-בעציהונג.

אויפ'ן וועג צו זייער גליק האט זיך אבער געשטעלט א שווערער שטיין–דער גלויבען.

זי אליין איז געווען פון רוימיש-קא-טוילישען גלויבען, און דער געליבטער – א יוד.

לאנג האט דער בחור נישט געוואלט הערען וועגען שמד. דער צופאל האט אבער געוואלט. אז וועגען זיינע שווערע מחשבות זאלען זיך דערוויסען די אלט-בעקאנטע נשמה כאפערס און נאך א לאנג איינרעדעניש איז דער יונגערמאן איבערגעגאנגען צום עוואנגעלישען גלויבען.

דאס איז אבער נאך ווייניג געווען, בפרט וואס אין פאס איז דער יונגער-מאן פערבליבען ווייטער פון יודישען גלויבען.

די דאזיגע לאגע האט זיך דער פער-ליבטער אויי צום הארצען גענומען, אז ער האט אנגעהויבען ארומגעהן ווי א מעלאנכאליקער ביז ער איז בעגאנגען זעלבסטמארד אויפלאזעדיג ביי זיך אין וואוינונג די גאז-קראנען.

דערווייל איז אונטערגעקומען נאך א א צופאל: עס איז געשטארבען דעם פרייליינס פאטער און האט איהר פאר'ן טויט ענטפלעקט א שרעקליכען סוד – אז ער איז גאר נישט איהר פאטער, נאר זי איז א קינד פון א יודישער, חסידישער פאמיליע פון קיעוו.

בעת א פאגראם איז איהר פאמיליע אויסגעשאכטען געווארען און זי איז אלס קליין קינד פערבליבען עלענד, אהן שוץ. נישט האבענדיג קיין קינדער האט זי פאפלאווסקי אדאפטירט און אויסגעהאדעוועט אלס אייגען קינד.

פון טאג ווען דאס שרעקליכע גע-היימניש איז פאר איהר ענטפלעקט גע-ווארען האט סטאניסלאווא אנגעהויבען בענקען צו יודען און צום יודענטום. דאס בענקשאפט איז ביסלעכווייז אויס-געוואקסען אין איהר אין א טראגיש פראבלעם. ווי אזוי קאן זי אלס געוועזענע יודישע טאכטער פערגיטיגען דאס שלעכטס, וואס זי איז בעגאנגען געגען איהר ליבענדען יודישען יונגענמאן? דער יונגערמאן איז געשטארבען. פאר איהר איז ער געשטארבען, און גע-שטארבען איז ער נישט אלס יוד, ווי קאן זי דען נאך אזעלכע שווערע זינד געפינען פאר זיך א טרייסט? - האט זי בעשלאסען צו מאכען א סוף פון איהר זינדיג לעבען.

– איך האב – ענדיגט די טראגישע זעלבסטמערדערין איהר ודוי – בעשלא-סען צו נעהמען זיך דאס לעבען אויפ'ן קבר פון דעם, וואס איז געפאלען אלס מיין קרבן. איך בין אבער צופרידען, וואס מען האט מיך אבגעראטעוועט, ווייל ואכדעם ווי איך האב איינגענומען סם. האט מיר א בליק געטון אין מוח א געדאנק.

אויב שטארבען, וויל איך שטארבען אלס יודיש קינד. איצט דאנק איך אייך וואס איהר האט מיר געגעבען א מעג-ליכקייט צו ערפילען מיין איינציגען וואונש אין לעבען!...

דער מאגיסטראט טיילט סובסידיעס

אבער ווי אזוי?

(מ) אויף דער דינסטאג'דיגער זיצונג פון מאגיסטראט איז בעשלאסען גע-ווארען אין ביודזשעט פון יאהר 1927 אריינצושטעלען פאלגענדע סומעס, אלס סובסידיעס פאר די יודישע אינסטיטו-ציעס:

„אוזדראוויסקא" 2500 זל.; „טאז" 2500 זל.; פאגאטאוויץ „לינת-הצדק" 4000 זל.; תלמוד-תורה פון הרב מייזעל 2000 זל.; יודישער פרויען-שוץ-פעראיין 2000 זל.; געזעלשאפט צו פערשפרייטען טעכנישע וויסענשאפט צווישען יודען 2000 זל. צוזאמען 15,000 זל. כדאי צו בעמערקען, אז פאר קריסטליכע אינסטי-טוציעס איז בעשטימט געווארען 500 טויזענד זלאטעס.

שטאדט-ראט-וואהלען אין אלעקסאנדער ווערען בעשטעטיגט.

(ב) נעכטען איז ביים וויצע וואיע-וואדע אסאלינסקי געווען א דעלעגאציע פון אלעקסאנדרער ראטמענער פון פ.פ.ס. און דייטשע ארבייטס-פארטיי מיט דעפ. קראניק און ראטמ. ראמאלסקי אן דער שפיץ.

די דעלעגאציע האט פערלאנגט, אז די שטאדט-ראט-וואהלען אין אלעק-סאנדער זאלען בעשטעטיגט ווערען און עס זאל ענדליך עפיס געטון ווערען פאר דער טובה פון דער שטאדט.

וויצע-וואיעוואדע אפאלינסקי האט ערקלערט, אז ס'איז ווירקליך צנ'עולה וואס די וואהלען זענען ביז איצט נאך נישט בעשטעטיגט און האט צוגעזאגט דאס צו טון אין די נאהענסטע טעג.

בעקאנטמאכונג.

דעם 16 ד. ח' איז געווען געמאלדען אין די היגע יודישע און פוילישע צייטונגען, אז מיינער א קונד, ה' יודעל ביעקאטש פון פינסק לאזט זיינע וועקסלען צום פראטעסט.

איך האב דעריבער דעם כבוד צו מעלדען, אז די דאזיגע ידיעה איז א נישט-ריכטיגע.

אדרבה, ווער עס האט זיינע פראטעסירטע וועקסלען, זאל זיך ווענדען צו מיר. אדער צו דער פירמע „פינעס און ראזענבוים (פעטריקאווער 20) און מיר וועלען יעדען בעטראג תיכף בעצאהלען 178

פנחס מאנדעלבוים.

דירעקטאר פון „קהלות-ציון" אין לאדז.

היינט קומט קיין לאדז דער דירעקטאר פון דער אמעריקאנער געז. „קהלת ציון" און פונדער ה' „הכשרת הישוב בא"י ה' ש. פאסמאן פון ירושלים. צוזאמען מיט איהם קומען אויך די דירעקטארען פון „משק" איגוש. קוצענאק פון בערלין און ה' י. קאנאנאוו פון ווארשא.

די געעהרטע געסט וועלען דא אפ-האלטען קאנפערענצען מיט די פאר-שטעהער פון די פערשידענע א"י קאלא-ניזאציע-געזעלשאפטען. אין אוועגד וועט פארקומען אין לאקאל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע א פערזאמלונג פון די מיטגלידער פון די דערמאנטע חברות מיט דער בעטייליגונג פון די געסט.

„נאוואשטשי".

נאך א גרינדליכען רעמאנט האט די דירעקציע צוגעגרייט א גרויס איבערראשונג אויסער דעם גרויסען איבהאלטסרייכען פילם „דער טענצער" וואס וועט דעמאנסטרירט, טרעטען ארויף אויף דער סצענע ערשטראנגיגע ארטיסטישע קרעפטען, וועלכע האבען גרויס בייפאל ביים פובליקום.

מ'מאָנט אַלטע חובות.

דייטשלאַנד זאָל בעצאָהלען פאַר די דעוואַלואירטע מאַרקען.

מיט אַ צייט צוריק איז אין דייטשלאַנד געגרינדעט געוואָרען אַ פערבאַנד פון די רייכסבאַנק-גלויביגערס, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל, אויפצומאָנען פון דער רייכס-באַנק די שאָדנס, וואָס די בעפעלקערונג האָט געליטען פון די דעוואַלואירטע דייטשע באַנקנאָטען, וואָס זענען אַרויסגעגעבען געוואָרען ביז'ן 19. פעברואַר 1919.

דער דאָזיגער „פערבאַנד" האָט אַרום זיך אויפגעקליבען גרויסע מאַסען בירגערס פון דייטשלאַנד, צווישען זיי — אַסך אַדוואָקאַטען, ריכטערס פּראָפעסאָרען א. אַנד.

דער עיקר מאָטיוו פון דער דאָזיגער תביעה איז פאָלגענדער: די רייכס-באַנק אַלס אַקציע-געזעלשאַפט טראָגט דעם כאַראַקטער פון אַ יורידיש פּריוואַטער אינסטיטוציע, וועלכע איז אויפ'ן יסוד פון געזעץ בערעכטיגט אַרויסצוגעבען באַנקנאָטען. די דאָזיגע באַנקנאָטען זענען אָנפּראָצענטיגע, אָבער די באַנק איז זיי מחויב צו יעדער צייט אויסבייטען אויף איידעלען מעטאַל, גאַראַנטירענדיג דערביי דעם ווערט פון די באַנקנאָטען מיט'ן גאַנצען גרונד-קאַפּיטאַל, רעזערוו-פאָנדען, אַלע הכנסות, בעוועגליכען און אומבעוועגליכען אייגענטום.

דער דייטשער „פערבאַנד" אַרבייט אויף אַלע געביטען. ווערבירט מיטגלידער פון אַלע שיכטען פון דער בעפעלקערונג, האָט זיינע אָפּטיילונגען אין אַלע שטעדט און אפילו דערפער, גיט אַרויס אַן אייגענעם פּרעסע אָרגאַן א.א.וו.

חוץ אין דייטשלאַנד געפינען זיך אָפּטיילונגען אין אַ גאַנצער רייהע לענדער ווי שפּאַניע, דאַנציג, ליטע, לעטלאַנד, עסטלאַנד, א. אַנד.

איצט איז אַזאַ אָרגאַניזאַציע געגרינדעט געוואָרען אויך אין פּוילען ביי דער געזעלשאַפט „האַנדלאָ-בלאָק" אין וואַרשאַ. אויך אין לאָדז זאָל געשאַפען ווערען אַ פיליע פון דער געזעלשאַפט.

אַ געיעג נאָך באַנדיטען.

איין באַנדיט דערשאָסען, דריי - פערוואונדעט.

מיט אַ פּאָר טעג צוריק זענען אויף דעם שאָסעע צווישען וואָליאַ לימוניאַ און סאָלמיזשיצע אָנגעפאַלען באַנדיטען אויף דעם פערבייגעהענדען וולאַדיסלאַוו ביאַלעק און איהם צוגערויבט 1000 זלאָטעס.

די באַנדיטען האָבען נאָך געוואָלט דעם בערויבטען דערשיסען, נאָר אַזוי ווי אין דער צייט זענען אָנגעקומען אַ פּאָר וואַלד-וועכטער, האָבען זיי דאָס נישט בעוויזען צו טון.

די פּאָליציי-מאַכט האָט זיך ענערגיש גענומען זוכען די באַנדיטען. נעכטען האָט זיך די פּאָליציי דערוואוסט, אַז זיי געפינען זיך אין דאָרף גאָדזיעמבאָוו, לובלינער קרייז.

דאָס הויז, וואו די באַנדיטען האָבען זיך געפונען, איז אַרומגערינגעלט געוואָרען דורך דער פּאָליציי. נישט קוקענדיג אויף דעם ווידערשטאַנד פון די באַנדיטען, האָט זיך דער פּאָליציי איינגעגעבען זיך אַריינצורייסען אין דעם הויז, בעת דער שיסעריי, וואָס איז דערביי פאָרגעקומען, איז דער אָנפיהרער פון די באַנדיטען, סטעפאַן שיראַן, דערשאָסען געוואָרען. די איבעריגע 3 זענען געוואָרען לייכט פערוואונדעט און זיי זענען אָפּגעפיהרט געוואָרען אין שפּיטאָל.

א. סאַמבערג אין לאָדז.

מיט אַ קורצע צייט צוריק איז צוריקגעקומען פון פּאַריז קיין וואַרשאַ דער בעריהמטער אַרטיסט א. סאַמבערג, ער שפּילט איצט אין וואַרשאַ מיט אַנגעהויערען ערפאָלג.

ה' סאַמבערג קומט איצט קיין לאָדז אויף 4 פאָרשטעלונגען, וואו ער וועט אויפטרעטען אין 4 פּיעסען פון בעסטען יודישען רעפּערטואַר. די פאָרשטעלונגען וועלען פאָרקומען אין זאַל פון פילהאַרמאָניע און האָבען אַרויסגערופען אַ גרויסען אינטערעס. די ערשטע פאָרשטעלונג קומט פאָר שבת נאָכמיטאָג. ס'וועט געשפּילט ווערען „מאָטקע גנב", שבת אין אָוונט „גאָט פון נקמה".

האַנדעלס-לאַגע אין לאָדז.

די היינטיגע וואָך איז געווען זעהר אַ לעבעדיגע אין דער טעקסטיל-בראַנזשע. אַ שטאַרקע בעוועגונג איז געווען אין דער בוימוואָל- און וואָל-בראַנזשע. דער

ווינטער-סעזאָן

וועלכע האָט זיך שוין אָנגעהויבען די פאָריגע וואָך איז שוין אין ברען. די סטאַביליזירטע וואַלוטע, דער פערשטאַרקטער עקספּאָרט, די נאָרמאַלע צאָהלונגען פון די פּראָווינצער סוחרים, שאַפען זעהר גוטע אויסזיכטען אויף דעם סעזאָן. די סטאַביליזירונג פון דער וואַלוטע האָט זיך בעזונדערס אָפּגערופען גוט אויף די טראַנזאַקציעס מיט וואָלענע סחורות, וואָס זענען ביז איצט זעהר ווייניג געמאַכט געוואָרען.

די דאָזיגע אויפלעבונג אין מסחר רופט מיט זיך אַרויס אויך אַן אויפלעבונג אין דער

גאַרן-אינדוסטריע.

ביז לעצטענס האָבען די שפּינערייען געאַרבייט נאָר אויף בעשטעלונגען. איצט אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן פערגרעסערטען בעדאַרף, אַרבייטען די שפּינערייען מייסטענס אויף 2 שיכטען און ס'הויבען אָן צו אַרבייטען אויך די קלענערע שפּינערייען און מ'אַרבייט נישט נאָר אויף בעשטעלונגען, נאָר פאַר'ן מאַרק.

די וואָך זענען אָנגעקומען פיל סוחרים פון די קרעסען. די לאַגערן זענען ביי זיי אויסגעלעדיגט, קיין גרויסע זאַפּאַסען פון ווינטער-סחורות איז לכתחילה נישט געווען און מ'האָט אין לאָדז גע-שמאַק געלייזט. די קויף-בעדינגונגען האָבען זיך די וואָך אַ ביסעל געענדערט.

די סוחרים פערלאַנגען קרעדיטען און טאַקי אַ חוץ פאַר אייניגע סאָרטען, ווי ראָזענבלאַט'ס און גייער'ס סיביר וואָס פאַר זיי האָט מען געצאָהלט מזומן, זענען כמעט אַלע טראַנזאַקציעס געמאַכט געוואָרען אויף וועקסלען. די אַלטע „טראַנזאַקציעס" מיט קורצע וועקסלען און מיט זייער דעקען, געהען שוין איצט נישט אָן. צאָהלען ווידער מיט מזומן קענען די סוחרים נישט, ווייל זיי מאַכען איצט זאַפּאַסען צום סעזאָן, וואָס הויבט זיך ערשט אָן און קויפען אַ ביסעל מעהר ווי מ'דאַרף פאַר'ן טאָג פדיון.

אין דער

קאַמגאַרן-בראַנזשע

איז קיין ענדערונג אין די קויפס-בעדינגונגען נישט איינגעטרעטען. הגם די פאָדערונג האָט זיך בעדייטענד פערגרעסערט, האָט מען ווייטער געלייזט אויף וועקסלען 90-100 טאָג. די רעכנונגען זענען על פּי רוב איינגעשטעלט געוואָרען אין דאָלאַרען, דערביי איז דער קורס געמאַכט געוואָרען לויט'ן אָפיציעלען קורס פון „באַנק פּאָלסקי".

אויפ'ן פּריוואַטען

דיסקאָנטאָ מאַרק

הערשט ווייטער אַ שטילשטאַנד. די בענק, וואָס האָבען איצט אַ ביסעל פרייע געלד נעהמען גערן אָן צו דיסקאָנטאָ גוטע וועקסלען און אַזוי ווי וועקסלען איז דערווייל איבערהויפּט פערהאַנדען ווענייג, בלייבט פאַר דער פּריוואַט-דיסקאָנטאָ זעהר ווענייג. ערשט ראַנגיגע וועקסלען האָט מען געקענט דיסקאָנטירען אויף $2^3/_4$ פּראָצ.; צווייט-ראַנגיגע וועקסלען 3 — $3^1/_2$ פּראָצ. טראַנזאַקציעס זענען געמאַכט געוואָרען גאַנץ ווענייג.

א. נ.

יורידישע עצות.

אין דער דאָזיגער אָפּטיילונג גיט די רעדאַקציע פון „נייעם פאָלקסבלאַט" אַנטוואָרטען אויף יורידישע אָנפראַגען, וואָס ווערען צוגעשיקט נאָר שריפטליך פון אונזערע לעזער.

קופּאָן.
יורידישע אָפּטיילונג פון „נייעם פאָלקסבלאַט"

בעם דערלאַנגען אַן אָנפראַגע אויף אַ יורידישע עצה דאַרף צוגעלעגט ווערען דער קופּאָן פון דער לעצטע נומער פון טאָג, ווען די אָנפראַגע ווערט אַריינגעגעבען. אויף אָנפראַגען אָהן קופּאָן וועט קיין ענטפער נישט געגעבען ווערען.

גילטיג דעם 19-טען אויגוסט 1926.

1930. מ. באַרנשטיין.

1931. חיים פּישקע.

מענט איהר אפילו דעם לאָקאַל האָבען בעדונגען אין יאָהר 1918 אויף אַ געשעפט, קוים האָט איהר עס שפּעטער פערוואַנדעלט אין אַ וואוינונג און דער הויזווירט האָט אויף דעם נישט רעאַגירט, דאַרפט איהר בעצאָהלען דירה-געלד לויט'ן פּראָצענט - ווי נישט פאַר אַ געשעפט, נור אַ וואוינונג. בפרט, אַז איהר האָט דעם לאָקאַל באַלד גענומען אויף אַ וואוינונג און האָט עס די גאַנצע צייט פאַר אַ וואוינונג בענוצט.

— —

1932. מ. ב.

די הנחה וועגען אָפּשטעלען די קוואַרטאַלדיגע 6 פּראָצ. הוספה צום דירה-געלד איז גילטיג אָנהויבענדיג פון 2. קוואַרטאַל.

1933. אַ לעז. פון רושגאָווסקאַ גאַס.

אין אַן הלואה-אַקט קאָן מען נישט פערפליכטען דעם בעל-חוב, אַז ער טאָר נישט בעשווערען זיין הויז מיט נאָך חובות. אין אַ קויף- און אַ פערקויף-אַקט קאָן מען יאָ אַריינשטעלען אַ בעדינג, אַז כל-זמן די אָפּגעשטימטע סומע איז נישט געוואָרען בעצאָהלט, טאָר דער קויפער דאָס הויז נישט פערקויפען, אָדער נעהמען דערויף הלואות.

— — —

1934. י. הערשקאָפּ.

ערשטענס ווערט דירה-געלד נישט אַרומגענומען אין דער רשימה פון פערלעגענע חובות, אויף וועלכע ס'איז חל די וואַלאָריזאַציע-פעראָרדנונג פון מלוכה-פּרעזידענט פון 14. מאַי 1924. בנוגע דירה-געלד ווערט אָנגעוואַנדען די נאָרמען פון דעקרעט וועגען לאָקאַטאָרען-שוץ. אויב איהר האָט אין זיינער צייט צוגעשיקט דעם הויז-ווירט דירה-געלד און ער האָט עס נישט געוואָלט דערהאַלטען, דאַרפט איהר איצט צאָהלען לויט די נאָרמען פון דעמאָלט-פערפליכטענדען דעקרעט.

1935. אַנ'אַבאָנענט 26.

אויב דער אויסשטעלער איז רייך געוואָרען אין דער מלחמה, קאָנט איהר פאָדערן, אַז דער וועקסעל-חלק זאָל וואַלאָריזירט ווערען לויט דער פולער נאָרמע, ד. ה. פאַר יעדען האַלבען רובל — 1 זלאָטע. דער בעדינג בנוגע די דאַטע פון צאָהלבאַרקייט איז פאַר אייך אין דעם פּרט אויך גינסטיג.

1936. אַ לעזער פון ציגעלנ. 26.

אויב איהר זענט עלטער ווי 26 יאָהר, דאַרפט איהר שוין נישט האָבען פון דער מיליטער-מאַכט ערלויבניש אויף אַן אויסלענדישען פּאַס. איהר מוזט נור ביים אַרויספאָהרען מעלדען וועגען דעם דער פּ.ק.או. פּערזענליך אָדער דורך אַ רעקאָמענדירטען בריף.

זכרונות וועגען הרב אלי' חיים מייזעל זצ"ל

101) בעאַרבייט ספּעציעל פאַר'ן „נ. פאָלקסבלאַט"

— איך האָב געהאַט אַ ירושה פון מיינע עלטערן, האָט געזאָגט דעם פלומפּען-מאַכער, איך האָב מיר דאָס בעהאַלטען דאָ אין קעלער אין אַן אויסגעגראָבען גריבעל, אַ חוץ דעם האָב איך דאָס יעדע פאָר וואָכען צוגעלעגט דאָס, וואָס איך האָב פערדינט מיט מיין שווערער פּראַצע. איך האָב מיר גאָרנישט פערגינען אין מיין לעבען, איך האָב כמעט נישט געגעסען און איצט איז געקומען עמיצער און מיך אומגליקליך געמאַכט.

— גיט מיר אַן עצה, וואָס זאָל איך אָנהויבען צו טון, האָט דער קריסט געבעטען די אָנוועזענדע מיט טרעהרען אין די אויגען?

אַלע שכנים זענען געוואָרען איבערראַשט פון דער דאָזיגער געהיימנישפולע געשיכטע. זיי האָבען קיין שום טרייסט-וואָרט אפילו נישט געפינען פאַר דעם קריסט. ביסלעכווייז זענען זיך אַלע פונאַנדערגעגאַנגען אין זייערע שטובען און אויך דער קריסט איז אַוועק צוזאַמען מיט זיין אומגליק אין זיין איינזאַם צימערל.

צומאָרגענס האָט גאַנץ באַלוט געקאָכט מיט דער אויסטערלישער געשיכטע. אַ גאַנצען טאָג האָט מען נישט גערעדט וועגען עפּיס אַנדערש, ווי וועגען דעם פערשוואונדען-געוואָרענעם אוצר. ביסלעכווייז, ווען דער עולם האָט זיך אָפּגעקיהלט פון דער ערשטער איבעראַשונג פון דער דאָזיגער סענסאַציע, האָבען די באַלוטער יודישע בעלי-הבתים אָנגעהויבען זוכען אַ צוזאַמענהאַנג צווישען דעם פערלוירען-געוואָרענעם אוצר און דעם פּלוצלונגרייך-געוואָרענעם לייבעל טישלער.

וואָס מעהר דער עולם האָט זיך דערין אַריינגעטראַכט, אַלץ מעהר איז די דאָזיגע השערה געוואָרען וואַהרשיינליכער, נאָכמעהר, ווייל אי דער פלומפּען-מאַכער, אי לייבעל און אי דער אוצר — אַלע האָבען זיך געפונען אין דעמזעלבען הויז אויף קעלמאַגאַס. וועגען דעם האָט מען זיך נאָר געשושקעט. קיינער האָט אָבער נישט געוואָלט דאָס הויך אַרויסרעדען, נישט-ווילענדיג אַריינשטעקען די פינגער אין קיין ענגער טיר.

דער פלומפּען-מאַכער איז אַרומגעגאַנגען ווי אָהן אַ קאָפּ. די ערשטע עטליכע טעג איז ער אינגאַנצען צו דער אַרבייט נישט צוגעגאַנגען און זיך נישט אַרויסגעוויזען פון צימער, בלויז יעדען פרימאָרגען, ווען ס'איז נאָך פינסטער געווען האָט מען בעמערקט, ווי ער געהט אַראָפּ אין קעלער און קומט אַרויס פון דאָרט נאָך מעהר טרויעריג און פער'דאגה'ט ווי ער איז שטענדיג געווען.

צווישען די באַלוטער יודען האָט זיך געפונען איינער אַן עלטערער מענש, אַ וועבער, משה ס., וועלכער האָט מקנא געווען לייבלען, אַ ביסעל רחמנות געהאַט אויף דעם איינזאַמען קריסט — ביז איינמאָל פאַרנאַכט איז משה אַרויפגעגאַנגען צום פלומפּען-בויער אין צימער און האָט איהם דערצעהלט די געשיכטע מיט דעם פּלוצלונגדיגען רייך ווערען פון זיין שכן לייבעל טישלער, וועלכעס איז פאָרגעקומען גלייכצייטיג מיט דעם פערשוואונדען ווערען פון דעם געלד אין קעלער.

— פון דאַנען — האָט משה געזאָגט דעם קריסט — בין איך זיך משער, אַז לייבעל האָט אויף וועלכען ס'איז אופן, דיין אוצר געפונען און זיך איהם גענומען.

פאַר דעם קריסט איז די פראַגע געווען קלאָהר און זיכער, אַז נישט קיין אַנ'אַנדערער, ווי נאָר לייבעל האָט אויסגעפינען דאָס בעהעלטעניש פון זיין געלד און האָט זיך גענומען. אָבער איצט איז אויפגעשוואומען די פראַגע, ווי אַזוי אויסצופאָרשען דעם ענין און דער עיקר, ווי אַזוי אָפּצונעהמען דאָס געלד. ווען משה האָט אונטערגערוקט דעם קריסט דעם געדאַנק זיך צו ווענדען צו דער רוסישער פּאָליציי, האָט דער קריסט די דאָזיגע עצה אָהן שום נאָכטראַכטען אָפּגעוואָרפען און געזאָגט:

— מיט די דאָזיגע בעסטיעס וויל איך נישט האָבען צו טון, איך קען זיי, ליידער, צו גוט.

משה האָט אפילו נישט פערשטאַנען, פאַרוואָס דער קריסט זאָגט זיך אָפּ פון דער בעסטער עצה צוריקצובעקומען דאָס געלד, אָבער ער האָט געשוויגען און געזוכט אַנ'אַנדער עצה.ביידע צוזאַמען האָבען לאַנג געטראַכט אָבער גאָרנישט געקאָנט אויסקלערען.

- איבעריגענס, האָט דער קריסט געזאָגט, וועל איך נאָך נאָכטראַכטען ביז מאָרגען, אפשר וועל איך געפינען עפּיס אַ מיטעל. און אייך וואָלט איך געבעטען אַריינצוקומען צו מיר מאָרגען אָוונד-צייט וועל איך אייך זאָגען וואָס איך האָב בעשלאָסען צו טון. און פאַר דער ענטדעקונג וואָס איהר האָט פאַר מיר געמאַכט, וועל איך אייך ווי געהעריג בעלוינען.

צו מאָרגענס אינדערפריה איז דער פלומפּען-בויער אַוועק אין גאַס, ווי זיינע אַרבייטער האָבען ערקלעהרט איז ער דעם דאָזיגען טאָג ביי דער אַרבייט נישט געווען, קיינער האָט נישט געוואוסט וואוהין ער איז געגאַנגען, אָוונד-צייט איז צום פלומפּען-מאַכער געקומען משה ס., כדי זיך צו דערוויסען וואָס ער האָט בעשלאָסען.

דער קריסט איז געווען פיל אויפגעלעגטער און פרעהליכער, מ'האָט געזעהן אין איהם, אַז ער האָט אַ האָפנונג זיין געלד צוריקצובעקומען.

— איהר ווייסט וואָס איך האָב בעשלאָסען, האָט דער קריסט געזאָגט צו משה'ן?

— פון וואַנען זאָל איך וויסען האָט געענטפערט משה. מן הסתם ווייסט איהר וואָס איהר טוט.

— אַלזאָ, זאָג איך אייך, אַז איך האָב בעשלאָסען זיך צו ווענדען נאָך אַנ'עצה צום לאָדזער רב מייזעל וואָס זאָגט איהר דערויף?

— דאָס איז דאָס בעסטע וואָס איהר האָט געקאָנט אויסטראַכטען, איהר וועט זיך צוריק האָבען אייער געלד, האָט משה געענטפערט אין אַ טאָן ווי ער וואָלט געווען איבערצייגט דערין.

(פאָרטזעצונג קומט.)

דער מערדער פון זיין פרוי
האָט אויך געשענדעט און ערמאָרדעט זיין טאָכטער

ווּעמעס פוס איז דאָס? — אָט די פראַגע האָט בעשעפטיגט קאַרגע צוויי טאָג די ווינער בעפעלקערונג און נאָך מעהר די ווינער פּאָליציי. איטליכער איז געווען אין העכסטער מאָס פעראינטערעסירט מיט דעם מיסטעריעזען פוס, וועלכען אַ שיפס-קאַפּיטאַן האָט צופעליג דערזעהען ליגען אויף אַ געזימס פון דאָנוי-בריק. עס איז באַלד פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז אָט דער גאַנצער באַקעטער פוס איז דער לינקער פוס פון אַ פּראָלעטאַרישער פרוי אין די מיטעלע יאָהרען, און עס איז פאַר אַלעמען אויך געווען קלאָר, אַז דאָ האַנדעלט זיך וועגען אַ גרויזאַמען מאָרדפאַל. אָבער טראָץ דער גרינדליכער חקירה ודרישה מיט דער הילף פון דער פרעסע און פונ'ם ראַדיאָ, האָט מען קאַרגע צוויי טעג נישט געקענט אויסגעפינען, ווער ס'איז די ערמאָרדעטע און ווער דער מערדער, ביז דאָס איז אויפגעדעקט געוואָרען דורך אַ ריינעם צופאַל.

אַ ווינער שוישפּילער פריץ ראַימונד, פאַרבייפאָהרענדיג מיט'ן טראַם אויף אַ דאָנוי-בריק, האָט דערזעהען אַ מאַן ביים דאָנוי-ברעג וואַרפען עפּעס אַ לאַנג פעקעל אין וואַסער אַריין. דער שוישפּילער איז תיכף אַראָפּגעשפּרונגען פון טראַם און געמעלדעט וועגען דעם אַ פּאָליציסט, וועלכער האָט דעם אומבעקאַנטען מאַן אַרעסטירט.

אין פּאָליציי האָט דער אַרעסטירטער אַנ'אַכט-און-פערציג יעהריגער קצב מיט'ן נאָמען יאָהאַן ווימפּאַסינגער, דערצעהלט באריכות, ווי ער האָט מיט צוויי טעג פריהער דער'הרג'עט זיין ווייב מאַריע, וועלכע האָט זיך בעת אַ מחלוקת געלאָזט אויף איהם מיט אַ שאַרפען אַנגעפּן קיך-מעסער. ער האָט איהר דערלאַנגט מיט אַ האַק איבער'ן קאָפּ און זי איז תיכף אַנידערגעפאַלען אַ טויטע און דער מאַרך איז איהר גערונען פון קאָפּ.

די גאַנצע מעשה איז געשעהן ביי אַ נישט-פערשלאָסענער טיר פון דער וואוינונג. ערשט נאָכהער האָט ער זיך געכאַפּט און פערשלאָסען די טיר. איינגעוויקעלט די טויטע אין אַ זאַק און זי בעהאַלטען אונטער דעם בעט. די ערשטע נאַכט איז ער מיט זיינע קינדער, צוויי יונגע יונגעלעך, געשלאָפען מיט דער טויטער אין איין שטוב, אין די בעטען, אונטער וועלכע די דער'הרג'עטע איז געלעגען.

נישט וויסענדיג וואָס צו טון מיט'ן טויטען קערפּער, האָט ער בעשלאָסען איהם צעשניידען אויף שטיקער און אַריינוואַרפען אין דעם דאָנוי. נאָך דעם ווי ער האָט אויסגעשיקט זיינע קינדער אין שול אַריין האָט ער זיך גענומען צו דער אַרבייט. אויף דעם בעסטיאַלישסטען אופן האָט ער צעשניטען זיין קרבן, ווי אַ געקוילעטע בהמה. אין אַ קורצער צייט זענען געלעגען אויפ'ן קוך-טיש די פערשידענע אברים: דער קאָפּ, די הענד, די פיס. די אַראָפּגעשניטענע ברוסטען און די אַרויסגענומענע געדערים פונ'ם אויפגעשניטענעם בויך. דער אַכזר האָט דערביי אויך געהאַט דאָס שטיינערנע האַרץ און די רוה צו בעטראַכטען גענויער די גאַל פון דעם טויטע, וועלכע איז איהם פאַרגעקומען זעהר גרויס.

דעם מערדער איז געלונגען צו פערדעקען דעם מאָרד פאַר די שכנים אין הויז און פאַר זיינע קינדער אין שטוב, וועלכע ער האָט איינגערעדט, אַז זיין פרוי איז פון אַוועק. איינגעוויקעלט אין אַ זאַק, האָט ער פאָהרענדיג אין טראַמוואַי, געפיהרט די איינצעלנע קערפּערטיילען צום דאָנוי און זיי פון בריק אַראָפּגעוואָרפען אין וואַסער אַריין. דער לינקער פוס פון דעם טויטען איז געפאַלען נישט אין וואַסער אַריין, נאָר אויף אַ געזימס פון בריק, וואו ער איז געבליבען ליגען און האָט געפיהרט צו דער אויפדעקונג פונ'ם מאָרד.

דער מערדער, נישט וויסענדיג תחילת פון דער גאַנצער זאַך, האָט דערווייל פאָרטגעזעצט זיין אַרבייט, און ערשט דעם אַנדערען טאָג, לייענענדיג אין די צייטונגען די געשיכטע מיט דעם געפונענעם פוס, האָט ער פערקירעוועט דעם וועג צו אַ גאַנץ אַנדער אָרט פונ'ם דאָנוי, וואו ער איז פון דעם דערמאָנטען שוישפּילער בעמערקט און אַרעסטירט געוואָרען.

אָט דאָס אַלצדינג האָט דער מערדער מיט שרעקליכען ציניזם אַליין דערצעהלט. און די תיכף פאָרגעקומענע פּאָליציי-אישע רעוויזיע אין דער וואוינונג פון מערדער האָט דאָס אַלצדינג בעשטעטיגט. עס זענען דערביי אויך געפונען געוואָרען עטליכע טיילען פון דעם טויטען קערפּער, וואָס דער מערדער האָט נאָך קיין צייט נישט געהאַט אָפּצוראַמען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דער דאָזיגער יאָהאַן ווימפּאַסינגער, וועלכער איז אַמאָל געווען אַ קצב-געהילף, איז שוין יאָהרען-לאַנג אַנ'אַרבייטסלאָזער און פּוסטעפּאַסניק, אַ מענש, וואָס לעבט פון גנבה און גזלה, וועמענס הויז עס איז געווען אַ נעסט פאַר אונטערוועלט-דאַמען און אַ גיהנם פאַר די אָרימע שכנים.

אויך זיין ווייב, די ערמאָרדעטע, איז געווען אַ קליינע צדקת. ביז צו איהר טויט איז זי נישט וועהניגער ווי 38 מאָל געווען בעשטראָפט פאַר פערשידענע פערברעכענס און איז שוין געזעסען אַ היבש ביסעל צייט אין געפענגניש. ביי דער ווינער פּאָליציי איז זי געווען אַ גאָר בעקאַנטע פּערשוין, מיט וועלכען מען האָט זיך זעהר אָפט פערנומען. זי האָט זיך געפּאַסט צו איהר מאַן, ווי איין טראָפּען וואַסער צום אַנדערען, כאָטש זי פלעגט זיך אויך מיט איהם אָפט אַרומרייסען און איהם ביי דער געלעגענהייט אויך אויפמישען אַ לאַנג צעטעל חטאים.

צווישען די דאָזיגע חטאים פלעגט זי איהר מאַן אויך פאָרוואַרפען, אַז ער איז דער מערדער פון זיין אייגענער טאָכטער. ביז איצט האָט מען אָבער די דאָזיגע בעשולדיגונג נישט ערנסט גענומען. און ערשט איצט האָט מען אָנגעהויבען די זאַך אויספאָרשען.

עס האָט זיך דערביי אַרויסגעשטעלט, אַז ס'זענען טאַקע דאָ וויכטיגע פערדעכטיגע מאָמענטען, אַז זיין 18-יעהריגע נישט-לעגאַלע טאָכטער, וועלכע איז פאָריגען יאָהר פּלוצים פערשוואונדען איז דורך איהר פאָטער דער'הרג'עט געוואָרען. אויף אַזאַ פערשוין איז עס צום גלויבען, כאָטש ער האַלט זיך לעת-עתה פעסט ביי דער טענה, אַז ער האָט דאָס נישט געטון.

דערווייל האָט ער נאָר מודה געווען, אַז ער האָט זיין טאָכטער געשענדעט דאָס איבריגע וויל ער נישט זאָגען. די פּאָליציי רוהט אָבער נישט און זוכט ווייטער.

עס זענען שוין אַוועק עטליכע טעג זינט די מעשה איז אויפגעדעקט געוואָרען און די ערפענטליכקייט איז נאָך פול מיט איהר. ערשטענס צוליב דער שוידערליכקייט פון דעם מאָרד, וועלכער האָט נישט קיין גלייכען אין דער ווינער מאָרד-געשיכטע פון די לעצטע הונדערט יאָהר; אָבער נאָך מעהר צוליב דעם, וואָס סיי דער מאָרד, סיי דער מערדער זענען אויפגעדעקט געוואָרען אַ דאַנק צופאַלען.

די פּאָליציי האָט צוויי טעג חוקר ודורש געווען און האָט נאָרנישט געפונען. די געריכטלידע מעדיצין האָט מיט איהר עקספּערטיזע אַראָפּגעפיהרט די זאַך אויף אַ פאַלשען וועג, ערקלערענדיג, אַז דער מאָרד איז געשעהן העכסטענס פאַר זעקס שעה און אַז דער מערדער איז נישט קיין אַרצט און נישט קיין קצב.

האָט דוקא אַ שוישפּילער ענטדעקט דעם מערדער, און דער מאָרד איז געשעהען דוקא נאָך מיט גאַנצע צוויי טעג צוריק. און דער מערדער איז דוקא יאָ אַ קצב.

זאַל פילהאַרמאָניע נאָוואָטוויטש 20.

נאָר 4 גאַסטראָלען! א. סאַמבערג. פון בעריהמטען אַרטיסט — —

שבת, 3.30 אַ זייגער נאָכמיטאָג צום ערשטען אויפטריט ווערט געשפּילט דאָס בעליבטע פאָלקס-שטיק פון שלום אַש

מאָטקע גנב

א. סאַמבערג אין זיין קרוין-ראָלע „מאָטקע". וועלכע ער שפּילט איבער 500 מאָל

שבת 9 אויגענד ווערט געשפּילט שלום אַש'ס בער. מייסטערווערק

גאָט פון נקמה

די ראָל יעקל שאַפּשאָוויטש פיהרט אויס א. סאַמבערג מיט וועלכע ער האָט אין פּאַריז און לעצטענס אין וואַרשאַ געהאַט אַ קאָלאָסאַלען ערפאָלג. צום שלוס אַ גראַנדיעזע דיווערטיסמענט. קופּלעטען, מאָנאָלאָגען, שאַרזשען, דעקלאַמאַציעס א. א. רעדיעס אויף פאָלקסלידער, מאָנאָלאָגען, שאַרזשען, דעקלאַמאַציעס א. א. מיטן אַנטייל פון א. סאַמבערג, בעזמאַן. שושנה. — אין אַלע פּיעסען נעמען אַנטייל: פרוי'ע: שושנה בעזמאַן, טאַדערמאַן, נירענבערג. מענער: האָמבורגער, נירענבערג, יעדוואַב, פּאָליאַקאָווסקי, אַריעל. סופלער: ליודנער וואַ ף. נאָכמיטאָג-פרייזען פון 60 גר. ביז 1.60 זל. אָוועגד פון 80 גר.—2,50 זל.

ווער ס'קויפט פריהער אַ בילעט בעקומט אַ בעסערן פּלאַץ!

וואָס? מאָנטאָג, לעצטער אויפטריט פון א. סאַמבערג -גרויסע פּאָפּולערע פאָרשטעלונג- וואָס?

Dr. Prybulski

זאַמענהאָף 8, טעל. 25-38.

ווענערישע- און האָר- הויט - קראַנקה. מענער-שוואַכע, בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ-ליכט (האָר-אויספאַל), רענטגען-שטראַלן. נעמט אָן 9—1, 4—8 אָוו., דאַמען: 4—5

Dr. med. Rózaner

ספעציאַל-אַרצט פאַר ווענערישע און הויט-קראַנקהייטען, בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ-בערג-זונע.

9 דזיעלנאַ 9,

1-טער שטאָק. טעלעפאָן 28-98
נעמט אָן פון 8—10 און פון 5—8.

אין וואַלד פון ליידענשאַפטען.
(ראָמאַן).

322)

— אָט איז ער, דער פּעררעטער! — האָט געשריגען איינער פון די קצבים, פאָכענדיג מיט אַ גרויס מעסער — לאָזט מיך נאָר צו צו איהם, וועל איך איהם קוילענען! גלויבט'ס מיר, גוטע מענשען, איך וועל איהם נישט זשאַלעווען!

— ניין, דאָס איז אונזער זאַך צו צוקנאַקען איהם דעם קאָפּ! — האָט אַרויסגעשריען אַ הויכער מגושם'דיגער שמיד — אונטער אונזערע האַמערס וועט זיין קאָפּ צושפּרינגען ווי אַ ניסעל!

— און מיר וועלען איהם כדבעי אויסקלאַפּען! — האָבען געשריגען די רימערס, פאָכענדיג מיט זייערע דרענגלעך — דער'הרג'עט איהם! הענגט איהם! דערטרינקט איהם! אין פייער אַריין דאַרף מען איהם וואַרפען! אַ טויט דעם פּעררעטער!

אַזוי האָט מען פון אַלע זייטען נישט אויפגעהערט צו ליאַרעמען.

דער צאָרן פון המון איז געווען אַזוי מורא'דיג, אַז אַדעלינאַ, וואָס איז אָפּגעטרעטען אין אַ זייט אין אַ פינסטערען ווינקעל, האָט נישט-ווילענדיג אַ ציטער געטון.

זי האָט נישט גערעכענט, אַז דער המון וועט אַריינגעבראַכט ווערען אין אַזאַ גרימצאָרן.

טוילזענדער הענד האָבען זיך געריסען צום גראַף באַטיאַני, כדי צו כאַפּען איהם און צושמעטערען אין דער פעסטונג-וואַנד.

דאָ אָבער האָט זיך דערהערט אַ מעכטיגער בעפעהלערישער אויסגעשריי.

— צוריק, בירגער! איהר דאַרפט איהם נישט דער'הרג'ענען, נאָר אורטיילען! עס האַנדעלט זיך נישט אין דעם וועמען, ער זאָל איבערגעגעבען ווערען צו אַ גיכען טויט! פערקעהרט, ער איז ווערט, אַז עס זאָלען פאַר איהם צוגעבראַכט ווערען ספּעציעלע פּייניגונגען! די שטאָט פּראַג האָט נישט קיין אַנדערער, נאָר איך געראַטעוועט, פון פערראַט און דערינבער נעהם איך זיך דאָס רעכט צו פאָדערען פון אייך רוהיגקייט און געהאָרכזאַמקייט!

די דאָזיגע ווערטער, וואָס זענען אַרויסגערעדט געוואָרען מיט אַ דונערדיגען קול ממש, האָבען געהאַט אַנ'אונגעריכטע שטאַרקע ווירקונג.

די געשרייען און דער געפּילדער איז כמעט מאָמענטאַל איינגעשטילט געוואָרען.

ער איז גערעכט! — האָבען צווישען זיך געשמועסט די בירגער — לאָמיר קודם איהם אויסהערען!

— וואָס זשע זאָלען מיר טון מיט'ן פּעררעטער? — האָט עמיצער אַ פרעג געטון.

— איהר דאַרפט איהם משפּט'ן, — האָט לויכטער געענטפערט — און בעשטימען דעם אופן פון דער בעשטראָפונג, אויב עס וועט זיך אַרויסווייזען, אַז ער פערדינט עס זיך בעשטראָפט צו ווערען! לאָמיר איהם אָפּפיהרען אין גראַדשין, און דאָרט פאַר'ן שלאָס, וואו עס האָט געלעבט און געשכור'ט דער דאָזיגער פּעררעטער, וועלען מיר איהם אַרויסטראָגען דעם פּסק-דין!

לוים לויכטער'ס אַ צייכען, איז צו באַטיאַני'ן, וועלכער איז געלעגען אויף דער ערד צוגעפאָהרען אַ פוהרעל, אין וועלכער עס זענען געווען איינגעשפּאַנט צוויי הינד.

מען האָט דעם גראַף באַטיאַני אַרויפגעוואָרפען אויף דער פוהר און אַוועקגעפיהרט.

דער גאַנצער המון איז נאָכגעגאַנגען.

די פוהר איז אָפּגעפאָהרען קוים עטליכע הונדערט שריט, און פּלוצים האָט איינער פון די השוב'ע בירגער מיט אַ דונערדיגער שטימע אַ קאָמאַנדירוועע געטון:

— שטעהן!

דער המון האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— מיינע פריינד! — האָט דער דאָזיגער בירגער אויסגערופען — איהר קענט מיך אַלע זעהר גוט! איך בין אַ סענאַטאָר, דורך אייך אַנ'אויסגעוועהלטער, און איך וועל אייך קיין שלעכטע עצות נישט געבען! איהר געדענקט דאָך, מסתמא, אַז פון סאַמע אָנהויב אָן האָב איך געהאַט אַ קנאַפּען צוטרוי צום נייעם קאָמענדאַנט, און אַז איך האָב זיך צו איהם בעצויגען פיינדליך. דאָס פערגאַנגענע קאָן מען אָבער נישט צוריקקעהרען! איצט רעכען איך, אַז עס איז אַנ'איבעריגע זאַך צו פיהרען דעם דאָזיגען אויסוואורף אין גראַדשין, און דאָרטען איהם משפּט'ן! לאָמיר מאַכען אַ פאָלקס-געריכט דאָ אויפ'ן אָרט, און דאָס וועט ביי אונז פערנעהמען עטליכע מינוט! איך וועל אייך אויך פאָרלעגען דעם אופן, ווי-אַזוי די שטראָף זאָל פאָרקומען! איהר אַלע קענט דעם בנין, וואָס געפינט זיך אויפ'ן ברעג טייך נישט ווייט פון דער פעסטונג-וואַנד! איך רעד וועגען דעם פּולווער-טורעם! איהר אַלע פריינד מיינע, ווייסען, אַז דער פּעררעטער האָט זיך פערדינט דעם טויט, און אויך לעג איך פאָר, מ'זאָל איהם מכבד זיין מיט אַ פעסעל פּולווער! מיר וועלען אַרויסנעהמען פון דעם טורעם אַ פעסעל, ברענגען עס צום ברעג פון טייך, און דערנאָך וועלען מיר אַוועקזעצען אויף דעם פעסעל אונזער פּעררעטער, דעם קאָמענדאַנט, מיר וועלען איהם שטאַרק צובינדען, אַריינשטעקען אַ קנויט און אונטערצינדען! ס'וועט זיין אַנ'אויסגעצייכענט בילד, ווען אונזער קאָמענדאַנט וועט אַ פליה טון אין דער לופטען! מיר אַלע וועלען האָבען די געלעגענהייט צו זעהן אַ שעהנעם לעבעדיגען פייער-ווערק! אויך די פרייסען וועלען דאָס בילד זעהן, און די פרייסען וועלען זיך דערוויסען, ווי-אַזוי די בירגער פון פּראָג בעשטראָפען אַ פּעררעטער!

די רעדע פון סענאַטאָר האָט געמאַכט אויף די אָנוועזענדע אַ שטאַרקען רושם.

— קומט'ס צום פּולווער-טורעם! — האָבען אָפּגעהילכט טויזענדער שטימען — מיר וועלען אויפרייסען דעם קאָמענדאַנט!

לויכטער האָט אַ ציטער געטון.

איהם איז גלייך אויפ'ן זינען געקומען, אַז אין דעם פּולווער-טורעם דאַרף איצט זיין ברונאָ.

ס'איז געווען דריי פערטעל איינס, און פונקט איינס אַ זייגער האָט ברונאָ, לויט ווי מען האָט פריהער געהאַט אָפּגעשמועסט, געדאַרפט אויפרייסען דעם פּולווער-קעלער.

צונויפשטעלענדיג דעם פּלאַן, האָט זיך לויכטער, זעלבסטפערשטענדליך, נישט פאָרגעשטעלט, אַז אין דערזעלבער נאַכט וועט זיך אַ גרויסער המון לאָזען געהן צום פּולווער-טורעם.

איצט האָט מען געקאָנט ערוואַרטען, אַז ברונאָ וועט אַריינפאַלען אין די הענד פון המון.

געגען דעם גרימצאָרן פון די טויזענדער מענשען איז אָבער נישט געווען קיין שום מיטעל. די עצה פון דעם סענאַטאָר האָט צו שטאַרק אויסגענומען.

(פאָרטזעצונג קומט).

Dr. med. Braun

23 פאלודניאווא 23

טעלעפאן 40.

צוריקגעקערט.

ואענעריש-ארצט פאר הויט און וואענערישע קראנקהייטן און מענער שוואכע.

בעהאנדלונג מיט קווארץ לאמפ (ה. ר. אוישפעל).

נעהמט אן פון 9 ביז 12 און פון 5-8 אוונט.

Dr. med. J. POLAKOW

ספעציאליסט פאר קינדער-קראנקהייטן

KONSTANTYNOWSKA 37a Tel. 39-75

צוריקגעקערט.

נעמט אן פון 5-6.30 אוו. אונזערהיים און פון 2-3

אונלעטשטניגע אויף נייער מארק פעטערקויער 294.

היילפעדאגאגישע קורסען

פאר שוואכבעפעהיגטע און שווערערציהבארע קינדער, שפראכשטערונגען

Dr. med. A. SZMIRGELD

נערווען-ארצט. 144

CEGIELNIANA 6.

אינשרייבען קאן מען זיך יעדען טאג פון 6 ביז 7 אוונט.

ווילכטיג פאר פריזיער-אנשטאלטען!

כ'מאך בעקאנט, אז אין מיין פערפומעריע-געשעפט איז צו בעקומען פלוגש און בלומען וואסערען נור פאר 5 זל. א קילא, וועזשעטאל 3,50 זל. ווי אויך אלע קאסמעטישע ארטיקלען פאר פריזיערס.

י. דרוקער, זאווידזקא 11. 691

רעטשניצע פון דאקטוירים-ספעציאליסטען

בזשעזשינער 11, טעל. 37-63

אפען פון 9 פריה ביז 7 אוונט

ד"ר וואליניסקי	נאז, האלז, אויערן-קר.	3—4
ד"ר ווערשנער	קינדער-קראנקהייטן	9—10.30 4—5.30
ד"ר שיפמאן	אינערליכע קראנקה.	10—12 5—6
ד"ר לובימש	הויט-און געשלעכט קר.	$2^1/_2$-$12^1/_2$
ד"ר שמירגעלד	נערווען און גייסטיגע קר.	12—2
ד"ר גאלדבלאט	אויגען-קראנקהייטן	12.30—2
ד"ר עליאסבערג	כירורגישע קראנקה.	1—3
ד"ר בערגמאן	פרויען און געבורט הילף	3—4

קוואלץ-טעראפיע, שפר-ך-שטראלונגען ווי שטאמלען א. ז. וו. פאק-ן-שטעלען, קינסטליכע בערג-זון-בעשטראהלונג איניעקציעס, מאסאזשען, עלעקטריזאציע, אפעראציעס. אויך פערלאנג — וויזיטען אין שטאט. אין לאבאראטאריום ווערען אנגענומען אלע ארט אנאליזען, ווי אורין, פלעגמע און בלוט. 2120

ביי דער לעטשניצע איז געעפענט געווארען א רענטגענאלאגישער קאבינעט עס נעהמען אן:

ד"ר זילבערשטיין	צאהן-ארצט	9—2 נ. מ.
ד"ר לאושינסקא סטאראשעלסקא	צאהן-ארצט	3—7.30

קינסטליכע ציהן, קראנען, פאמבען א. ז. וו.
די לעטשניצע איז אויך טעטיג זונטאג.
וויזיט 3 זלאטעס.

דעם טיפסטען צער געזאהל דריקען מיר אויס אונזער ח' יחיאל פרידע און פאמיליע צוליב'ן טויט פון זייער פאטער נ. ע.

אליעזר ליפא

המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים 179

ס. מאנעלסאן, נ. האבערמאן, עפשטיין, פעררער, ג. יונגערמאן, ס. בארגע-שטיין און נ. הימעל.

נחום אבלים

הננו משתתף בצערו של חברי יחיאל פרידע במות עליו

אביו ע"ה

בתוך אבלי ציון ינוחם!

יחזקאל הורוויץ. 181

זאל נאנט לאדז וויסען,

אז דער גרעסטער אויסוואהל פון

געבעטע שטיהל

פון איינענער טישלעריי, פערשידענע פאסאנען, אויך זעמטליכע טאפעצירער-ארבייט, ווי: מאטראצען, האזשקעס, אטאמאנס, רונדע טישלעך, נאנדאלקעס, איז נור צו בעקומען אמביליגסטען מיט די בעסטע בעדינגונגען ביי

י. א. וואשעכאווסקי,

10 נאוואמיעסקא 10.

קומט און איבערציינט אייך!

וויכטיג פאר לעטניקעס!

בעזאנדער אזהר גוטע קויפען, איבערציינט אייך, דאס נאר אין דער פאבריק

ש. שווארצאווסקי

פולנאצנא 24 טעל. 31-85

בעקומט איהר שטעטס אויך לאגער און גרויסען אויסוואהל: פאטענטירטע פעלד-בעטען פון דער בעוואוסטער מארקע „Palma-Patent" מיט א גאראנטיע אויף 3 יאהר, מעטאל-בעטען, לעטשאלגעס, האמאקעס, קינדער-בעטעלעך, קינדער-שפאציר-וואגענס און אויטאנדזשעס. פעלד-בעטען מיט ווענטילען צו 18 ז. און פאלאטע-14 זל.

אלעס צו קאנקורענץ-פרייזען!

רעיעל און ביליג!

דעם גרעסטען אויסוואהל פון

שטיהל געבעטע

פון איינענער טישלעריי.

פערש. פאסאנער, אויך אלע אפפעצירער-ארבייט, מאטראצען, האזשקעס און אטאמאנס.

רעפעראטורען צו ביליגע פרייזען.

אין נאר צו בעקומען ביי

ג. לעווקאוויטש, לאדז,

פולנאצנא 5, אין הויף, רעכטס.

קומט און איבערציינט אייך!

רעיעל און ביליג!

א שאמאט-קויד

פאסט ניי, אויף 2 גרויסע פלאטען, 4 מייערקעל, מיט א גרויסען באק-אויוון פרייזווירדיג צו פערקויפען

אפערטען אונטער „M. J." 891

וכי תמכור ממכר לעמיתך או קנה מיד עמיתך אל תונו איש את אחיו!

אין שמאמער יאר זאלסטו קומען צו לויפען אין ביורא פעטריקאווער 18, וואו ס'ווערט ערלעדיגט: אלערליי בימעט לויטן אויסוואו, קלאווערס, זאבוטעטשעניעס אויף אלע טעטע און אווינען, אפעלאציעס, פאזשוויציעס, אדווא-קאניעס, רעקורסען- און פענגען האנצעסיעס אין קאמיסאריאט-רושאנדר, בימעט ין אלע פא-לוציי-בעציר קען, שוטפות-אקטען, סמאטיטען, אקטען איינטער-ציזיעס, אקטען פראיזיעס, קארנע ספראוועס, ווי אויך איבערזעצונגען אין אלע שפראכען. 503

שנעל, רעיעל און ביליג!

ס. ל. NASEWSKI

געבאנדעלקערן און ווינקן, פריוו. שטי. 27 ביז 8 ערטער, פראכטע צימער, אשוואמיה 7 פון 5-7, פון 2-1 ביז 10 קפן דר 2 ב 1, 17 שבילעט 2 ביז 11

שטיהלען

פון פרימא האאר, פערש.

קאמיענא 5, 2-טן הויף ביי בצלאל פארושצקי.

שאפט געלד!

אלטע בינדערס, קראמסאמען און ווערט אינגערעכנענט אויף שליופלעך און קראוואטען

ביי ה' שפאליש

וו א"ב"ארם קא 31.

יעדער איינציגער האט זיך איבערצייגט, אז פאר מעבעל

ריזואנטעס, מעלצעט, ניי מאשינען, גארדעראבען א. ז. וו. צאהלט די העכסטע פרייזען

א. ווייצמאן נארוטאוויטש 19

(דזשעלנע)

מין מעבעל-געוועלב, (פריוואט-וואוינונג שענקעוויטש 29 ניי מיר אין שטענדיג פערשר. געניצטע מעבעל דיר נעמען צוזאמען צו פערקויפען 374

וויכטיג פאר מילנער און סוחרים!!!

אין פערקויף און קויף פערשידענע

זעק

צו מעסיגע פרייזען! 195

ישראל הארוויטש, לאדז, פולנאצנא 19.

דער בעוואוסטער

פענסיאנאט „ידראווי"

בלייבט טעטיג איבער די ימים טובים.

און נעהמט אן נייע געסט צו רעדוצירטע פרייזען.

מיט אכטונג יאשיבאוויטש. 175

א סארדעוואסער-פאבריק

אין פולען בעטריב מיט דער לעצטער איינריכטונג אין צוליב אבריאאיבער פרייזווירדיג צו פערקויפען.

בערעג-יאסעלעוויטש 18 174

28 נאר 28 נאר 28

פערקויפט נישט אייער

מעבעל,

דיוואנען, פעלצען, אנציגער, ניי-מאשינען אז"וו, בעפאר איהר איבערציינט אייך גיכט ביי די לאנג-קויפסטערנדע פירמע

ח. לאזניק, בענעדיקטא 28

נאר איך צאהל די העכסטע פרייזען!

בעמ: ביי מיר אויף לאגער שטענדיג פערשי-דענע געניצטע מעבעל און נייע צושטאנד, פרייזען צוגענגליכער, ווי איבעראל!

28 נאר 28 נאר 28

רעטשניצע פון דאקטוירים-ספעציאליסטען

און ערצטליך-רענטגענישער קאבינעט

זגערזשא 17, טעל. 16-33.

ד"ר ראקאווסקי	נאז, האלז, אויערן קר.	10-11 2-3 $6^1/_2$—$7^1/_2$
ד"ר רוזשאנער	הויט-און געשלעכט-קר.	10—11 1—2
ד"ר גאלדשטיין-פאראק	אויגען-קראנקהייטן	1-2 7-8
ד"ר יוסטמאן	נערווען-קראנקהייטען	12—2
ד"ר ראזענצווייג	קינדער-קראנקהייטן	10-12 4-5
ד"ר פאפיערני	פרויען-און געבורט-הילף	$11^1/_2$-1 5-6
ד"ר קאנטאר	כירורגישע-קראנקהייטן	3-4 ז. 1-2
ד"ר וויינבערג	אינערע הערץ לונגען-קר.	11-1 $5^1/_2$-7
ד"ר סטופעל	רענטגען	4-6 10-12
ל. פרוסאק	צאהן-ארצט	2—10
נ. ראזעס	צאהן-ארצט	4—7

צאהן-פלאמבירונג, בעליכטונגען, קראנען, פאמפען, א. ז. וו.

ביי דער לעטשניצע איז געעפענט געווארען

רענטגען-אינסטיטוט

היילונג פון הויט-קראנקהייטען פון קאפ (פארך) מיט רענטגענשטראהלען, פאר בעשטראהלונג און דורכלייכטו-נגען, קאוארץ-לאמפע, דיאטערמיע, עלעקטריזאציע, אלע ענטליכע אנאליזען. א קורס פאר שוועלער.

אומפלאנגען נעגען שארלאך (שקארלאטין) פון 4—5 נאכמ.

די לעטשניצע איז אויך אפען זונטאג.

וויזיט אין דער שטאט.

Dr. ALTERMAN-GURFEL

פרויען-קראנקהייטען און אקושעריע.

Piramowicza 10.

נעהמט אן פון 4-6 נאכמיטאג

דאנטיסט און צאהנטעכניקער

י. ביטענסקי

5 קאנסטאנטינער 5

נעהמט אן אלע טאג פון 9 פריה ביז 8 אוונט.

פרייזען ביליגע! פאראיינס-קאסען ראבאט.

אבאנעמענטס-פרייז: ...

Za Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brustowski i D. Silberberg. Redaktor odpowiedzialny Ch. Kaufman

Czcionkami i drukiem „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.